STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04863

# YITSHAK BASHEVIS-ZINGER

Gershon Sapoznikow

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Harry & Lillian Freedman*
*in memory of*
*friends & neighbors, Anna Zacks and Fanny Grossman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו

---

יצחק באַשעוויס־זינגער
דער קינסטלער פון זינד און תשובה

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון פינסקער לאַנדסלייט־
פאַריין אין בוענאָס־איירעס און די מיטגלידער פון דער
פאַרוואַלטונג פון קולטור־קאָנגרעס.

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו

# יצחק באַשעוויס־זינגער

## דער קינסטלער פון זינד און תשובה

אַנאַליטישער אַריינבליק
אין לעבן און שאַפן פון ערשטן נאָבעל־לאַורעאַט
אין דער ייִדישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פון
אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס

©

GREGORIO SAPOZNIKOW
CASILLA DE CORREO No. 4
SUCURSAL No. 3 —
1403 BUENOS AIRES

Printed in Israel
נדפס בישראל
דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שדרות הר־ציון 104, טל. 822481.

# קונסט און וויסנשאַפט אין ליכט פון גרשון סאַפּאָזשניקאָווס אַנאַליז
## (במקום אַן אַריינפיר)

שוין לאַנג — אָבער נישט קיין סך צייט — שטייט מיר ווי לעבעדיק פאַר די אויגן די געשטאַלט פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס האָט מיך געלערנט, אין המדרשה העברית, ליטעראַטור־וויסנשאַפט אין שיין פון פּסיכאָאַנאַליז.

און אָט טרעפן מיר זיך ווידער אין יאָרן אַרום; איך שוין עטוואָס אונטערגעוואַקסן און ער, ווי שטענדיק: אַ לערער, אַ מורה דרך, וואָס איז אַזוי אָריגינעל אין זיינע סובטעלע פּענדזל־שטריכן פון וויסנשאַפט און קונסט, פון וויסן און עסטעטיק, אינהאַלט און פאָרעם, אינטויִציע און אויסדרוק, טיפן אַנאַליז און תּוכיקן סינטעז — אויפן וועג צו דער נשמה פון דער יידישער ליטעראַטור.

און כאָטש „גרויס איז די צאָל ווערטפולע, אָבער ווייניק די אויסדערוויילטע" פון דער שפע יידישע שרייבער, גיבן ווייניקע גענוג שטאָף פאַר אַ פּרווידיאַנישער אינטערפּרעטאַציע. באַשעוויס־זינגער איז איינער פון די אויסדערוויילטע, — און פון די טאַלאַנט־פולסטע — פאַר וועלכע דער פּסיכאָאַנאַליטישער מעטאָד איז ווי אָנגעמאָסטן און אומבאַדינגט נייטיק. אָן אַן אַנאַליטישן אַריינ־בליק אין זיינע ווערק, בלייבט מען דורשטיק ביים פרישן קוואַל פון זיין קינסטלערישן שאַפן.

און אויב „אומבאַדינגט נייטיק" זענען גאָר ווייניקע פאַראַן וואָס קאָנען עס מאַכן ווי גרשון סאַפּאָזשניקאָוו. די בלעטער וואָס גייען ווייטער, שטעלן פאַר דעם יידישן שרייבער אין ראַם פון דער גרויסער אוניווערסאַלער ליטעראַטור, און שילדערן די ספּעציפישע פּראָבלעמאַטיק פון זיינע העלדן — פון אַ פאָלק וואָס איז איינ־געוואָרצלט אין די באַרג־שפּיצן פון די פאַרשידנסטע אוניווערסאַלע קונסטן, וואָס איז גייסטיק פאַרחברט מיט יאַנעסקאָ און דאָסטאָ־

יעווסקי, מיט דער אַלטער קבלה, און מיטן סאַטאַניזם, וואָס איז שטענדיק ניי אויף גאָטס גרויסן וועלטל.

אַ נעכטן וואָס קאָן זיין מאָרגן.

די רייכע און מאָדערנע וועלט פון באַשעוויס־זינגער, ווייזט אונדז דעם אמת פון כמעט ווי אַ פערפעקטער טעכנאָלאָגישער עפּאָכע, וואָס שטעקט נאָך אין „מיטלאַלטערלעכע" פּילפּולים וועגן מעסיאָניזם און טומאה, וואָס דאַרף אויסגעלייזט ווערן, און ענלעכע פראַגן. און אַזוי, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, ווען מיר בלעטערן אַ צייטונג, קוקן אין שפּיגל, קיינער זאָל נישט הערן, מוזן מיר מודה זיין, אַז דאָס זענען נישט קיין פאַרעלטערט־מיטל־אַלטערלעך־דילעטאַנטישע טעמעס, נאָר זיי האָבן אַן אומקלאָרן טאָן פון אַקטועלער מוזיק, וואָס איז אונדז זייער נאָענט, וואָס באַרירט אונדזער לייב, ווי אַן אייביקער ניגון פון מענטשלעכן לעבן. ווי „מוזיק פון דער צוקונפט".

דאָס אַלץ איז באַשעוויס־זינגער.

אַ טיר צו זיין קינסטלערישער צויבער־וועלט, פירן די ווייטער־דיקע בלעטער פון גרשון סאַפּאָזשניקאָווס בוך.

ד"ר חיים באַרילקאָ

# דער שטן פון גאָריי

יצחק באַשעוויס האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט אַ ראָמאַן „דער שטן פון גאָריי”, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען אין דער יידישער וועלט, און גלייכצייטיק אויך נישט ווייניק פאַרדאַמונג. ס'איז אַ שילדערונג פון די יאָרן ת״ח ות״ט: „ווען דער רשע כמיעלניצקי און זיינע מחנות האָבן באַלאַגערט די שטאָט זאַמאָשטש, און זי נישט געקענט איינגעמען צוליב דער שטאַרקער פעסטונג, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. האָבן די היידאַמאַקעס געמאַכט גרויסע שחיטות אין טאָמאַשאָוו, אין די אַרומיקע שטעטלעך און אויך אין גאָריי, דער העק וואָס ליגט צווישן די בערג. מען האָט געשאָכטן, געשונדן די הויט לעבעדיקערהייט, געדרצחנט קליינע קינדער, געצווונגען ווייבער צו זנות און דערנאָך אויפגעטרענט זייערע בייכער און פאַרנייט אין זיי קעץ”...

אַזוי הייבט אָן יצחק באַשעוויס זיין „מעשה פון פאַרצייטנס”, גלייך פון אָנהייב אַ שוידער־פּאַנאָראַמע, אַן אַטמאָספער פון גרויל וואָס גליווערט דאָס בלוט, פון אויסגאָנגלאָזן יידישן פיין אין אַ וועלט פון אכזריות, פון מעשה שטן, וואָס האַלט געשפּאַנט דעם לייענער פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער.

יאָרן זענען אַוועק און רעשטלעך פון די לעבנגעבליבענע האָבן אָנגעהויבן ציען צום ישוב. צוריקגעקומען זענען ווייניקע, אָפּגעריסענע, פאַרוואָרלאָזטע, „זענען אייניקע אַראָפּ פון גלייכן וועג. אַנדערע זענען אַריינגעפאַלן אין מרה־שחורה. אָבער דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז מיט דער צייט קערט זיך אַלץ ווידער אום צום געוועזענעם”.

און דער צוריקקער צום „געוועזענעם” איז אַזוי שווער און

פיינלעך ווי פּאָר אַ לעבעדיק־באַגראָבענעם, וואָס ווערט אַרויסגע־נומען פון קבר, צוריקכאַפּן דעם אָטעם. בלייבט ער אויף לאַנג, און אַמאָל אויף שטענדיק, מיט דעם קבר־שרעק אין די בלוטן. מען קערט זיך אום צום „געוועזענעם", אָבער דאָס געוועזענע האָט שוין אַן אַנדער פּנים.

אויפן באָדן פון אַ בית־הקברות און מיט אַ וווּנד אין האַרצן, אין לאַנד פון אַ שונא און מיט אַ שטענדיקער געפאַר פאַר נייע שחיטות, האָבן יידן געזוכט צוריק אָנצוקניפּן דעם פאָדעם פון לעבן. עס איז אַ יידישע סטיכיע, אַ היסטאָרישע ווירקלעכקייט, אַ שטענדיקע באַ־גלייט־דערשיינונג פון דער יידישער גלות־ווירקלעכקייט.

אויך שלום אש האָט קינסטלעריש געפורעמט די טראַגיק פון דער עפּאָכע און האָט אין די אומגליקן פון ת"ח ות"ט געזען די הייליקע גבורה פון קידוש השם; דאָס הייליקע שניידערל האָט אין זיין פוסטן קרעמל פאַרקויפט אמונה און בטחון, און אין טולטשין איז געוועזן גאָט. יצחק באַשעוויס האָט געשילדערט דעם פּאָגראָם־פּחד, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון יידישע אויגן; ער האָט פאַרנומען דעם צער פון צעבראָכענע לעבנס, דעם שווידער פון מרה־שחורה, דעם שגעון פון פאַרצווייפלונג. אין זיין גאַריי האָט געוועלטיקט דער שטן.

די קונסט דאַרף פורעמען דאָס לעבן אין אַלע פלאַכן און טיפן, דאַרף דורכשטראַלן די גראָבע הויט פון דער ווירקלעכקייט מיט אַ שיין פון דערקענטעניש און ווייזן דעם אמת — דעם קינסטלערישן אמת — פון אַן אַלזייטיקער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

צוריקגעקומען צו זיין קהילה איז אויך דער אַלטער רב, דער גאון ר' בינוש אשכנזי, און דער אַמאָליקער גביר און פּרנס פון ישוב, ר' אליעזר באַבאַד, וועלכער האָט פון זיין צאַלרייכער משפּחה מיטגע־בראַכט נאָר איין טאָכטער, רעכעלע, אַ בתולה פון זיבעצן יאָר, וואָס האָט אַרויסגעוויזן „אויסטערלישע" גענג. ווען עס האָט געדונערט האָט זי געשריגן געוואַלד... פון פרימאָרגן ביזן אָוונט איז זי געזעסן אָפּגעזונדערט און געלייענט „לשון־קודשדיקע ספרימלער"... זענען צוגעקומען נאָך פאַרוואָגלטע באַלעבאַטים און אין דער קהילה קדושה פון גאַריי האָט אָנגעהויבן שלאָגן אַן אָדער פון אַ יידישן לעבן...

אין דער אַטמאָספער פון אומרו און אַנגסט איז די בשורה

וועגן שבתי צבי געפּאַלן ווי אַ פּלאָם אויף בערג שטרוי. מען האָט געזען אין די אַלע צרות די חבלי משיח, די ליידן וואָס זאָגן אָן די גאולה. און די ליידן זענען געווען זייער גרויסע און שווערע. איז אויך אין גרויס צווייפל געווען די האָפענונג אויף דערלייזונג. פאַרחלשטע הערצער זענען דורשטיק צוגעפאַלן צום חלום־אויף־דער־וואָר און זיך פאַרשיכורט מיטן סם־המות, וואָס עס האָבן אויסגעדעמפּט די צעהיצטע מענטשלעכע באַגערן.

אַ שריפה האָט אַרומגעכאַפּט גאַריי, אָבער די ערשטע וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט און אויפגעפלאַקערט זענען געווען די מערסטן עקזאַלטירטע, די באַזעסענע פון געבוירן, די צערודערטע פון אומגליקן. באַשעוויס פאַרמאָגט שילדערונג־קראַפט אויף פאַרצושטעלן דעם אימפּולסיוון אויסברוך פון אַזאַ גאולה־היסטעריע. ווי אַ גרויסער מייסטער ווייזט ער אַ לעבעדיק בילד, וואָס וואַרפט אָן אַן אומהיימלעכן ציטער אויף מענטשן, און שאַפט געשטאַלטן אין קאָנוווּלסיוון טראַנס אונטערן אומדערוואַרטן איינדרוק אַז „ישועה באה לעולם".

די ידיעות, אַז משיחס צייטן זענען נאָענט, האָבן אָנגעצונדן די האָפענונג פון נאָענטער גאולה אין די הערצער פון הונדערטער טויזנטער ייִדן איבער דער גאַרער וועלט. אויך גאַריי איז געוואָרן טיף אויפגערודערט. אַ משולח, אַ ספרדי, האָט אין בית־מדרש געדרשנט, אַז „מלכים זענען געוואָרן אונטערטעניק אונטער די הענט פון שבתי צבי, אונדזער משיח", און אַז אין גיכן וועט אַנטפּלעקט ווערן זיין קעניגרייך און „ער וועט אַראָפּנעמען די קרוין פון סולטאַן"... פּלוצעם האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן: — ייִדן, געוואַ־אַ־אַל־ד! ייִ־דן! גלייך מען וואָלט אים געשטיקט אין דער ענגשאַפט...

„דער עולם האָט אַ ציטער געטאָן, עס איז געווען דער לאָמער מרדכי יוסף, אַ מקובל, מיט אַ געדיכטער פייערדיקער באָרד, מיט לאַנגע ברעמען ווי באַרשטן, אַ פאַסטער, אַ וויינער און אַ כּעסן. ביים דאַוונען פלעגט ער קלאַפּן דעם קאָפּ אין דער וואַנט; ביים תחנון איז ער געפאַלן צו דער ערד ווי די פאַרצייטיקע און געקלאָגט אויפן קול. ער האָט געמאַכט הספדים אויף טויטע און פלעגט ערב יום כיפור שלאָגן מלקות אין פּאָליש... איצט האָט די קאַליקע מיט איין מאָל גענומען קלעטערן אויפן טיש און אַרויסגעלאָזט שווערע זיפצן. עטלעכע

לייט האָבן אים אַ הייב געטאָן און אים אַרויפגעשטעלט. ר׳ מרדכי יוסף האָט אַ זעץ געטאָן מיט זיין קוליע, די צע־פליקטע זשופּיצע האָט זיך צעקנעפּלט, די קאָלטענעס זענען זיך צעפלויגן, ווי אין ווינט, און ער האָט פון התלהבות גע־נומען שלוכצן מיט אַ כאָרכלדיק קול:

— ייִדן וואָס שווייגט עץ, ייִדן! גאולה באה לעולם! ישועה באה לעולם!...

„ער האָט מיט דער לינקער האַנט זיך אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין, און גענומען טאַנצן. דאָס שווערע דעמבענע קריקהאָלץ אונטערן אָרעם האָט געקלאַפּט איבערן ברעט ווי אין אַ פּויק. די פאַרקריפּלטע פיס, אין גרויסע שטיוול, האָבן זיך פאַרפלאָכטן, און ער האָט קייכנדיק גערופן אָן אויפהער אָן איין־און־איינציק וואָרט, וואָס קיינער האָט נישט פאַר־שטאַנען... מיט איין מאָל האָט זיך דערהערט אַ טויבער זעץ, ר׳ מרדכי יוסף איז אַ פאַל געטאָן מיט דער גאַנצער משא און איז אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס גאַנצע בית־מדרש האָט זיך אַ וויג געטאָן צוזאַמען מיטן עולם און מיט די פאַרשוויצטע ווענט. עמעץ האָט געטאָן אַ הויל:

„געוואַלד! ער חלשט!...״

דאָס איז אַ מוסטער פון באַשעוויסעס פּראָזע, וועלכע איז אַזוי עמאָטיוו, פּרעציז און מעלאָדיש. אין אַזאַ אויסטערלישער סצענע באַנוגנט זיך נישט דער מחבר מיטן טעאַטראַלן עפעקט און מרדכי יוסף דער לאָמער איז ביי אים נישט קיין אַבסטראַקטע געשטאַלט, נאָר אַ פיגור קינסטלעריש אויפגעבויט. „ביים דאַוונען פלעגט ער זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, ערב יום כיפור פלעגט ער שלאָגן מלקות אין פּאָליש״... אַ פאַרשוין אָן עקזאַלטירטער, אַ פאַרגלויבטער, מיט היסטעריש־עפּילעפּטישע אָנפאַלן, ווי רעבעלע, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין ראָמאַן, און ווי נאָר אַ גאַנצע ריי פּערסאָנאַזשן אין באַשעוויסעס גאַלעריע טיפּן, האָט ער מיט דער לינקער האַנט זיך אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין — און איז אַוועק אַ טאַנץ אויף דער קוליע...

**דערזעען מיר מרדכי יוסף** דעם כעסן נישט נאָר פון דרויסן, נאָר אויך פון אינעווייניק, און מיר פאַרשטייען וואָס ער האָט שפּעטער

דערציילט, אַז „ווען ער איז פריער געלעגן אין היגערפּלעט איז צו אים געקומען שבתי צבי" און אים מגלה געווען סודות. און ווי אויף צו דערגאַנצן דאָס בילד פון דעם כּעסנס ביאָגראַפיע איז „אין אַ ווינקל, אויף אַ הויפן שמאַטעס, געזעסן מרדכי יוספס איינציקע טאָכ־טער, אַ פאַרזעעניש מיט אַ וואַסערקאָפּ און קעלבערנע אויגן"...

# די משיח־אידעע

דער גלויבן אין „ביאת המשיח" איז אויפגעקומען נאָך אין יענער ווייטער צייט, ווען ייִדן זענען געזעסן אין זייער אייגן היימלאַנד, איש תחת גפנו ותחת תאנתו. די ערשטע נביאים האָבן אַרויסגעבראַכט דעם משיח־געדאַנק אינספּירירט אין הומאַניטאַרן געפיל פון לא ישא גוי אל גוי חרב, איין פאָלק וועט מער נישט אויפהייבן די שווערד קעגן אַ צווייט פאָלק, און עס וועט איינגעשטעלט ווערן אַ מלכות שדי, אַ נייע אָרדענונג פון גערעכטיקייט און געטלעכער הערשאַפט, נישט נאָר צווישן ייִדן, נאָר צווישן אַלע פעלקער.

אין גלות איז די משיח־אידעע געוואָרן דער לעבנס־יסוד אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט די האָפענונג אויף נאַציאָנאַלער דער־לייזונג. אַ פאָלק וואָס טראָגט אויף די פּלייצעס אַזאַ שווערן היסטאָ־רישן גורל, וואָס איז אין פאַרלויף פון זיין לאַנגער גלות־געשיכטע אויסגעשטאַנען אַזעלכע טראַגישע נסיונות, איז געוואָרן דער ליידנ־שאַפטלעכער טרעגער און פרעדיקער פון דער משיח־וויזיע, וואָס פאַרקערפּערט די העכסטע מענטשלעכע האָפענונג פון אַלגעמיינער גאולה און פעלקער־פאַרברידערונג.

די ייִדישע אידעע פון גאולה איז ענג פאַרבונדן מיטן געדאַנק פון אַ דור שכולו זכאי — אַ דור וואָס איז ריין פון זינד — און כביכול וועט אים דערפאַר באַשענקען מיט זיין חסד און אַראָפּשיקן זיין דערלייזער. אָבער די וועלט ווערט נישט געלייטערט אין אומענדלעכן לויף פון דער צייט און דער מענטש ווערט נישט בעסער מיטן טויש פון דורות. האָט זיך אָפּגעטאָן דער גלויבן, אַז עס איז גאָר מעגלעך אַ דור פון כולו זכאי, אַ דור פון גוטסקייט, פון מענטשן־ליבשאַפט און נשמה־ריינקייט.

געווען אַ צייט, ווען דער גייסט פון גאָט האָט גערוט אויף דער

ערד און מענטשן האָבן מיט דער ליבשאַפט פון זייער האַרצן זיך דערהויבן צו די העכסטע עולמות. זאָלסט ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין, האָבן אונדזערע אורפּאָטערס מיט פּרימיטיווע צייכנס אויסגעקריצט אין שטיין; זאָלסט דיין ברודער נישט פאַרשקלאַפן, ווייל דער מענטש איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט; בלוט איז הייליק, און אפילו חיות ווערן באַשטראָפט פאַרן פאַרגיסן מענטשלעך בלוט, און דער העכסטער געטלעכער אויפבליץ פון דער נביאישער וויזיע איז אין דעם בילד פון קאָסמישער האַרמאָניע, אין באַחרית הימים...

זינט יענע גרויסע טעג ווען מענטשן האָבן מיט גאָט גערעדט, ווען נביאים האָבן געפּרעדיקט אויף די מערק און מיט זייער בליק דורכגעבויערט דעם סוד פון דער צוקונפט, האָט די מענטשהייט נישט אויפגעהערט צו זינקען אין אָפּגרונט פון זינד און פאַרברעכן. פאַר־שוועכט זענען געוואָרן אַלע הייליקייטן און הפקר דאָס לעבן פון מענטשן. האָט דער מענטש פאַרלוירן זיין צלם־אלקים און האָט נאָר זיין מוח געשאַרפט אויף צו פאַרוואַנדלען זיינע שווערדן, נישט אין אַקעראייזנס ווי עס האָבן געחלומט די נביאים, נאָר אין בעסערע כלי־משחית, און עס האָט נישט אויפגעהערט די פאַרגיסונג פון בלוט און די הערשאַפט פון אומרעכט. די האָפענונג אויף אַ דור שכולו זכאי איז געוואָרן אַן אומדערגרייכבאַרע אילוזיע און דער ניכטערער געדאַנק האָט געצווונגען צו מאַכן דעם אויספיר, אַז משיח קאָן אויך קומען אין אַ **דור שכולו חייב**, וואָס איז אין גאַנצן שולדיק, עס הייסט, גאָט וועט נישט פאַרטראָגן אַזוי פיל בייז אויף דער וועלט, און ווען די רשעות וועט זיך איבערגיסן די ברעגעס, וועט ער נישט לאָזן פאַרדאַרבן זיין יצירה, וועט פאַרטרייבן דעם שטן און שיקן די ישועה...

אין צייטן פון גרויסע נאַציאָנאַלע אומגליקן; נאָך גזירות, גירו־שים און שחיטות אויף ייִדן, פלעגט זיך פאַרשטאַרקן די אידעע פון כולו חייב. ביי ייִדן זענען שטענדיק געווען פאַרשידענע מיסטישע שטרעמונגען און זוכענישן אין שייכות מיט דער וויזיע פון גאולה. אין דער קבלה איז עס אַן עיקרדיקע טעמע. שוין אין דער צייט פון דער גמרא זענען געווען „מחשבי קצין" (סנהדרין צ"ז), וועלכע האָבן געפּרוווט אויסרעכענען ווען משיח וועט קומען. נאָך מער זענען געווען אַזעלכע, די מערסטע פון זיי בעלי־קבלה, וואָס האָבן געזוכט אונטערצואיילן דעם „קץ" — דעם סוף פון גלות — מיט

מערן מעשה סדום, מיט אָנפילן דעם בעכער פון זינד פון דור שכולו חייב. **די פאַרצווייפלונג האָט געפירט צו פאַרצווייפלטע רעטונג־מיטלען**; אויב נישט פון גאָט, זאָל דורכן שטן קומען די גאולה. ס׳איז **די אידעאָלאָגיע פון אַנגסט**, פון יאוש, פון צוזאַמענברוך פון די איינגעשטעלטע טראַדיציאָנעלע ווערטן, און ווי אַ געוויקס, וועלכן דער שטורעם רייסט אָפּ פונעם וואָרצל, אַזוי ווערט דער מענטש געטראָגן דורכן געווירבל פון זיינע איראַציאָנעלע אימפּולסן.

כולו זכאי פאַרפליכט צו גייסטיקער דיסציפּלין; כולו חייב איז אַ מלכות פון הפקר און צעלאָזנקייט, פון אַנטוישונג, פון מאָראַלישער ירידה — אַ קולט פון שטן, פון וועלכן באַשעוויס איז דער העכסטער פּריסטער.

# די תורה פון דור שכולו חייב

נאָך אַ דורכפאַל אין דער שטרעבונג צו דער העכסטער מדרגה פון כולו זכאי, געטריבן דורך זיין **גאולה־ליידנשאַפט**, דורך זיין בענקשאַפט נאָך דערלייזונג און לייטערונג זינקט דער מענטש אין תהום פון מרה־שחורה, לאָזט זיך אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד און פאַלט אַריין אין אַ **גאולה־היסטעריע**, וואָס רייסט אויף אַלע מאָראַלישע צוימען און פליכטן, אין דער פאַרצווייפלטער שטרעבונג אַראָפּצוברענגען דעם גואל מיט מעשי־שטן.

„דער שטן פון גאָריי" פון יצחק באַשעוויס איז אַ געשיכטע פון גאולה־היסטעריע, פון **מאַסן־פּסיכאָז**, וואָס האָט טיף אויפגערודערט און דערשיטערט די יידישע וועלט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, אין די צייטן פון דעם פאַלשן משיח שבתי צבי.

די געשיכטע דערציילט אונדז אויסטערלישע פאַקטן, און ווייזט אָן אויף די סיבות און פאָלגן פון דער שבתי צבי־באַוועגונג אין יידישן לעבן. די באַרימטע יידישע מעמוארן־שרייבערין, גליקל פון האמעלן, (געבוירן אין 1645) דערמאָנט אין אירע זכרונות, ווי טויזנטער יידן אין דייטשלאַנד, צווישן זיי אויך אירע משפחה־לייט, האָבן אַלץ פאַרקויפט און זיך געלאָזן צו די פּאָרט־שטעט, כדי צו זיין די ערשטע צו פאָרן קיין ירושלים.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט איז דאָס יידישע לעבן שטאַרק אויפגעשווידערט געוואָרן דורכן גירוש שפּאַניע און שפּעטער גירוש פּאָרטוגאַל. עס האָט זיך נאָך נישט אויסגעלאָשן אין דער געדעכעניש פון פאָלק דער ברענענדיקער פּיין, און עס זענען געקומען די שחיטות פון די כמיעלניצקי־באַנדעס. דער ראַציאָנעלער געדאַנק, די יידישע לעבנס־פילאָסאָפיע, וואָס האָט געוואָרצלט אין תלמוד, האָט נישט

געהאַט קיין לייזונג פאַר די אַלע פּראָבלעמען און נישט געזען קיין אויסוועג פון די גלות־ליידן.

האָט די ייִדישע מחשבה זיך אָפּגעריסן פון דער פּיינלעכער רעאַליטעט, און זיך אויפגעהויבן אויף די פליגל פון דער מיסטישער פאַנטאַזיע. האָט מען נישט געקאָנט ענדערן די ווירקלעכקייט מיט די אייגענע מענטשלעכע כוחות, האָט מען זי געוואָלט באַווירקן מיט כוחות געהיימע און איבערמענטשלעכע, מיט תפילות און תעניתים, מיט נעמען פון מלאכים און שמות, מיט גימטריות און שטיקער זוהר. **איז די קבלה געוואָרן אַ פאָלקס־באַוועגונג.** אין דער קבלה האָט דער ייִד געפונען אַ טרייסט און אַ רמז, אַז די ביטערע ליידן זענען אַן אָנזאָג אויף דער „אתחלתא דגאולה", אויפן אָנהויב פון דער דער־לייזונג...

האָט שלמה מולכו, דער פאַרגייער פון שבתי צבי, געהאַלטן אַז ווי נאָר ער וועט קומען צו קאַרל דעם פינפטן, אַזאַ געהייליקטער אין גלויבן און געפּייניקטער אין ליידן, וועט אים דער קעניג באַפעלן צונויפצוזאַמלען דאָס געפּלאָגטע ייִדישע פאָלק און עס פירן אין לאַנד פון זיינע אבות. אָבער קאַרל האָט דעם ייִדן געהייסן פאַר־ברענען, און ער האָט מיט ליבשאַפט אָנגענומען דעם גזר און איז אַריין אין דער ייִדישער געשיכטע ווי אַ קדוש. אויך שבתי צבי, מיט הונדערט פיר און דרייסיק יאָר שפּעטער, איז געקומען צום סולטאַן מיטן דרך פון כולו זכאי, אַ געלייטערטער אין גזירות און פאַרגלויב־טער אין די הייליקע **שמות**, און אַז דער סולטאַן האָט אים געשטעלט פאַר דער ברירה: — שמד אָדער טויט, פאַר אים און פאַר אַלע זיינע אָנהענגערס; האָט ער אָנגענומען דעם וועג פון כולו חייב, ווי דער „זוהר" זאָגט: „איידער די גאולה וועט קומען, וועט משיח זינדיקן, פאַלן, כדי מתקן צו זיין און דערהויבן יעדן ניצוץ, וואָס געפינט זיך אין **געפּאַנגענשאַפט** ביי דער טומאה"...

די ליטעראַטור אַנטפּלעקט דעם דראַמאַטישן אויפברויז פון אינעווייניק, שטעלט לעבעדיק פאַר זיינע פּערסאָנאַזשן, וויזט די בלינדע שפּיל פון געפילן, מאָלט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פון אַ שווער געפּלאָגט פאָלק אין אַ סביבה פון אַרומיקער שנאה און פאַר־פאָלגונג. די קונסט לעבט אויף און לאָזט אויסשפּילן פאַר אונדזערע אויגן אַ טראַגיש אויסטערלישן עפּיזאָד אין גורל פון דער ייִדישער

געשיכטע — אַ סימן מובהק פון אַ גייסטיק און קולטורעל הויך־אַנט־ וויקלט פאָלק, וואָס וויל אַלע פאַזן פון זיין היסטאָריש לעבן לערנען און געניסן אין בילד פון קינסטלערישן שאַפן.

יצחק באַשעוויס איז אַ גרויסער מייסטער פון אומגעוויינלעכן, אַנאָרמאַלן און פאַנטאַסטישן. **רעאַליזם און פאַנטאַסטיק** איז ביי אים אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן און גייט שטענדיק געפּאָרט. **אויף** **זיין** ר־עאַליטעט ליגט אַ שאָטן פון סקעפּטיציזם און אַן אילוזיע פון פאַטאַלן. און דאָס פאַנטאַסטישע ביי באַשעוויסן איז איבערראַשנדיק רעאַל, ווייל עס איז געווען רעאַל פאַרן מחבר און איז דעריבער אויך איבערצייגנדיק פאַרן לייענער. פאַרמאָגט ער האַרץ און געפיל פאַר כולו זכאי און מאָלט מיט ליבשאַפט די ליכטיקע געשטאַלט פון ר׳ בינוש אשכנזי, דעם אַלטן רב פון גאָריי, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר זיין קהילה און פאַלט אין קאַמף מיט דער צעבושעוועטער שבתי צבי־וואַקכאַנאַליע, און ער פאַרמאָגט אויך קינסטלערישן כוח צו געשטאַלטיקן די דינער פון שטן, די שמשים פון גיהנום, די פאַרשוינען וואָס פרעדיקן פאַר אַ דור שכולו חייב.

האָט ר׳ גדליה שוחט, דער וואָס האָט אויסגעקליבן דעם וועג פאַר גיין צו קדושה דורך טומאה, געהאַלטן אַ דרשה אין שול פול מיט שטראָף־רייד און טרייסט:

„ער האָט דערמאָנט, דאָס די טעג פון גלות זענען גע־ ציילטע, געוואָרנט, אַז די לעצטע נשמות וואַרטן אונטערן כסא הכבוד מען זאָל זיי ברענגען אויף דער וועלט; געהאָט תרעומות פאַר וואָס מען טוט ווייניק אין עניני זיווג און מען לאָזט אַרומגיין בחורים און בתולות, דען דערמיט האַלט מען אויף די גאולה. ער האָט אויפגעוויזן על־פּי קבלה, אַז אַלע דינים פון דער תורה און שולחן ערוך זענען רמזים אויף פּריה ורביה, און אַז נאָכן קץ וועט נישט בלויז אַראָפּגענומען ווערן דער חרם דרבינו גרשם, נאָר אויך אַלע אַנדערע האַרבע לאַוון וועלן בטול ווערן... מען וועט מעגן קומען אויף עריות, אויף פרעמדע ווייבער. פאַר־ קערט, דאָס וועט נאָך פאַררעכנט ווערן פאַר אַ מצווה, וואָרום וויפל מאָל אַ זכר און אַ נקבה באַהעפטן זיך, זענען זיי מצרף

א שם און זענען גורם צו אַ יחוד צווישן קודשא־ברוך־הוא און דער שכינה".

און די מקובלים האָבן געטייטשט יחוד — פאַרבינדונג פון מאַן און פרוי...

# אַ וועלט וואָס זינקט אין טומאה

דאָס איז די תורה פון דור שכולו חייב, וואָס האָט אין ר׳ גדליהן איר העכסטן וואָרט־זאָגער, וועלכער האָט די געבאָטן פאַרווירקלעכט אין אומווירדיקע מעשים. אַ צווייטער מנהיג פון דער כת־מקובלים איז איטשע־מאַטעס, דער פרוש, וואָס פאַסט פון שבת שבת, פּראַוועט סיגופים, וואַלגערט זיך אין בריִעכץ, טובלט זיך יעדע נאַכט צוויי און זיבעציק מאָל אין קאַלטן וואַסער, לויטן מספר פון **שם ע״ב**, נאָך דעם גייט ער אָפּריכטן חצות, וויינט אויפן חורבן בית המקדש און בעט אַז קודשא־ברוך־הוא זאָל זיך **באַהעפטן מיט דער שכינה**, וועלכע ער האָט פאַרטריבן פון זיך אין גלות, און זאָל שיקן די ישועה.

אין אַ בריוו פון אַ רב צו ר׳ בינוש אשכנזי געשריבן אין אַ געלייטערטן סטיל פון אַ פאָלקס־מעשה, ווערט געוואָרנט קעגן דעם איטשע־מאַטעס:

„דער דאָזיקער פאַלשער נביא, ווערט געזאָגט אין דעם בריוו, איז איינגעטונקען אין מרה־שחורה, וואָס איר וואָרצל איז ניאוף, ווי עס ווערט געבראַכט אין די הייליקע ספרים. אין יעדער שטאָט רעדט ער אויפן האַרץ פון אַן אשה, זי אַריינצוברענגען אין בונד פון חתונה, אָבער זיין מיין איז זי צו פאַראומרייניקן און אויף איר אַרויפצוּען אַ שלעכטן נאָמען. **דען נאָך** דער חתונה דערווייטערן זיך פון אים די ווייבער מחמת זיינע מיאוסע אויפפירעכצער, ווייל פון צו פיל עוסק זיין אין כישוף, איז ער אַליין אויך פאַרוועבט געוואָרן אין איר נעץ און ער האָט מער נישט די גבורה פון אַ מאַן... פון דעסטוועגן וויל ער זיי נישט גטן און לאָזט זיי עגונות, און טרערן זענען אויף זייערע קינבאַקן

און זייער ביטער געוויין טוט שפּאַלטן די הימלען, און קיין הילף איז נישטאָ פאַר זיי״...

אויך אין גאָריי האָט איטשע־מאָטעס אויסגעקליבן זיין קרבן. ער שיקט שדכנים צו רעבעלען און האָט חתונה אויך מיט איר. יעדע עבירה איז ביי אים אַ שטאָפּל צו דער גאולה און יעדער זיווג איז מקרב דעם קץ, ווייל ער איז גורם צו אַ יחוד פון כביכול מיט דער שכינה, וועלכע איז פאַרטריבן אין גלות.

נישט אומזיסט האָט ר׳ בינוש אשכנזי אין דער שטיל געטראָגן אַ האַרץ אויף דער קבלה פון אר״י, וואָס איז לויט זיין דעה פול מיט ווידערשפּרוכן און מיט ניבול פה. ער ווייסט, אַז די וועגן פון טומאה פירן נישט צו קדושה, און אויף ר׳ בינושן האָט דער שטן נישט קיין שליטה; אָבער דער רב האָט אויך נישט קיין שליטה אויף זיין אייגע־נער קהילה. דאָס לעבן גייט ווי פאַרביי אים און אויסער אים. עס איז אַ טיף עטישע און דעריבער אויך טראַגישע געשטאַלט, שטאָלץ אין איר איינזאַמקייט און פעסט אין איר גלויבן, אין אַ וועלט וואָס האָט געזונקען אין טומאה, אַנגסט און שגעון.

# די שבתי צבי־אילוזיע

די קהילה קדושה גאַריי איז אַ מין סימבאָלישער גורל־פּונקט אויף דער ייִדישער וועלט־מאַפּע. דער וואָס מאַכט אַ רייזע איבער דער ייִדישער געשיכטע קאָן די סטאַנציע נישט פאַרמיידן. עס איז אַ „מעשה פון פאַרצייטנס״, אַ בייזער חלום, אָבער אין דער מעשה איז פאַרקערפּערט אַ שטיק היסטאָרישע ווירקלעכקייט. אין דעם חלום איז פאַרבאָרגן אַ יידישע סימבאָליק. די שארית הפליטה פון כמיעל־ניצקיס שחיטות לעבן אין אַן אַטמאָספער פון אומרו און אומזיכער־קייט. און ווייל דער פּחד איז אַזוי גרויס, דערפאַר קלאַמערט מען זיך אַזוי פאַרצווייפלט אין דער אילוזיע. מען האָט מורא צו קוקן אין פּנים דער דראָענדיקער גלות־ווירקלעכקייט; אַ פינצטער פּנים וואָס האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אין דער שבתי צבי־אוטאָפּיע ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך — אין אַ שוויי־מענדיקער שטרוי — אויב נישט כולו זכאי איז זאָל זיין כולו חייב — נאָר אַ סוף זאָל עס נעמען! — און מען האָט אין פאַרצווייפלונג זיך געלאָזט בלינד פירן דורך דער כנופיה פאַרפירער.

ס'איז אַ שטימונג פון אַנגסט, פון אויסגאַנגסלאָזער מרה־שחורה, וואָס וואָרצלט אין **גלות־קאָמפּלעקס**, אין דעם פיינלעכן טרויער־געפיל, וואָס דער גלות האָט פאַרזייט אין דער נשמה פון ייִדן, און באַגלייט אים ווי אַ שאָטן אויף זיין לאַנגן וועג צווישן פעלקער. האָט דער ייִד אויף די פליגל פון צעהיצטן טרוים זיך געלאָזט אַנטלויפן פון דער דראָענדיקער ווירקלעכקייט און פון דער אַנגסטלעכער שטימונג. שבתי צבי איז געווען דער פונק, וואָס איז געפאַלן אין אַן אָנגעהיצ־טער אַטמאָספער און אַ פייער האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסן טייל פון דער דעמאָלטיקער ייִדישער וועלט. די טרוקענעביימער זענען די ערשטע פאַרצערט געוואָרן אין פלאַמען, אָבער עס זענען געפאַלן אין דעם פלאַקער אויך געזונטע, איינגעוואָרצלטע שטאַמען...

# דער גלות־קאָמפּלעקס

יצחק באַשעוויס געהערט צו דעם ליטעראַרישן נוסח, וועלכן עס האָט אַריינגעבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור לאַמעד שאַפּיראָ. ביידע ציִען זייער יניקה פון די זעלבע פּסיכישע טענדענצן. שאַפּיראָס העלדן, ווי זייער שעפער, קאָנען זיך נישט אויסטאָן פון דעם פּאָגראָם־פּחד, וואָס פאַרפאָלגט זיי מיט זיין געשפּענסטיקן שוידער. באַשעוויסעס פאַרשוינען זענען באַהערשט דורך אומקלאָרן אַנגסט־געפיל, אַזוי די העלדן פון זיינע פאַרצייטיקע גאָריי און קרעשעוו, ווי פון די היינטיקע וואַרשע און ניו־יאָרק. דער שטן פאַרלאָזט נישט באַשעוויסעס מענטשן.

י. ל. פּרץ, שלום אַש און די אַלע ראָמאַנטיקער וואָס גייען אין זייערע וועגן, האָבן דאָס טרויער־געפיל פון גלות גובר געווען מיט דער טרייסט פון קדושה און התלהבות פאַר דער אויסטערלישער שיינקייט פון די ייִדישע גייסטיקע ווערטן. שלום עליכם האָט מבטל געמאַכט די גלות־ווירקלעכקייט מיטן כוח פון בטחון. עס איז נישט בלויז אַ שיטה אין דער ליטעראַטור — דער רעאַליזם — ס׳איז אַ פּסיכישע רעאַליטעט אין דער נשמה פון ייִדישן מענטשן. שאַפּיראָ און באַשעוויס — אויך רעאַליסטן — האָבן געוויזן די צווייטע זייט פון דער מטבע: אַ וועלט פול מיט אומרעכט, קאַמף און געפאַר, וואָס האַלט אין קלעם פון אומרו די נשמה פון מענטשן, און באַזונדערס פון ייִדן. מוז אַזאַ וועלט מיט איר אמתן פּרצוף, אין איר פולער טייוו־לאָנישער מאַכט, דערשיינען אין דער קינסטלערישער שאַפונג אַן קינסטלעבער שמינקע און אַן ראָמאַנטישע בלימעלער. און ס׳איז אויך, נישט בלויז אַ נוסח אין דער ליטעראַטור, נאָר אַ פּסיכישע ווירקלעכקייט, וואָס לעבט אין האַרצן פון ייִדן...

צו דער שיטה קען אויך צוגערעכנט ווערן בערגעלסאָן, אויך

זיינע העלדן דרייען זיך אַרום ווי אָנגעשראָקענע און פרעמדע אויף גאָטס גרויסער וועלט — באַזונדערס די פון ערשטן און קרעפּטיקסטן פעריאָד אין זיין שאַפן — זיי זענען איינגעהילט אין אַ נעפּל פון מרה־שחורה און געפינען נישט קיין אָרט צווישן מענטשן.

די שטימונג איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אייניקע ייִדישע קינסטלערס, וועלכע שאַפן אין פרעמדע שפּראַכן. די העלדן פון פראַנץ קאַפקאַ זענען דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון **אַנגסטלעכער דערוואַרטונג**; פון אַן אומקלאָרער דערוואַרטונג פון עפּעס, וואָס זאָל אויפלייזן די שפּאַנונג, וואָס זאָל פאַרטרייבן דעם אומרו און אויסלייטערן די געמיטער. זיי באַוועגן זיך אין אַ דערדריקנדיקער אַטמאָספער, ווי אַן אומזעבאַרע געפאַר זאָל איבער זיי הענגען אין דער לופטן.

געפילן וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַרן גלות־ייִדן.

# דינסט צום קולט פון שטן — אויס ליבע צו גאָט

אַ נשמה וואָס ווערט צעפּרעסן פון פאַרצווייפלונג און אַנגסט איז אַ לייכטער קרבן פאַרן כּישוף פון שטן. דער געפאַלענער און האָפענונגסלאָזער איז נישט איבערקלייבעריש אין מיטלען, און לאָזט זיך לייכט פאַרפירן אויף קרומע וועגן. האָט ר׳ שלמה אין פּרצעס „די גאָלדענע קייט״ געזען די געפאַר, וואָס באַדראָט די יסודות פון ייִדישן לעבן און געוואָרנט: „אין מרה־שחורה זינקט אַריין די וועלט, אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!״... און געטריבן דורך אַ טיף עטישן באַגער באַשליסט ער נישט צו מאַכן קיין הבדלה, די פרייד פון יום־טוב זאָל זיך נישט אָפּטאָן פון מענטשן. עס הייסט, אַ ווירדיקע מענטשלעכע עקזיסטענץ קאָן געדייען נאָר אין אַן אַטמאָספער פון פרייד, פון גלויבן און בטחון.

אין שטעטל גאָריי, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים נאָכן חורבן פון כמיעלניצקיס פּאָגראָמען, איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע, אַ **שבתי צבי־עפּידעמיע** האָט באַהערשט די לעבנגעבליבענע, דערשלאָגענע און אָנגעשראָקענע מענטשן. עס איז אַן אַטמאָספער פון פאַרצווייפלונג און שגעון, וועלכע באַשעוויס מאָלט מיט אויפגעפלאַמטע נערוון און גרויליקע פאַרבן. אָט ווערט געפּראַוועט דאָס קנס־מאָל צווישן רעכעלען און דעם מקובל איטשע־מאַטעס, און עס ווערט פאַרגעשטעלט אַזאַ אויסטערליש בילד:

...„איטשע־מאַטעס פאַרשאַרט די שפּיצן פון זיינע פּאָלעס און נעמט שאַרן מיט די פיס; כינקעלע די פרומע הייבט אויף דעם שלעפּ פון איר צעטעפּעט אַטלאַסן חופּה־קלייד און האָפּסעט אונטער אַהין און צוריק... ייִדן רוקן זיך געדיכט צוזאַמען, גלאָצן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, פייכטע פון יראת־שמים. אַ הויכער יונגער־מאַן, אַ מקובל הויט־און־ביין, מיט אַ שפּיציקן

גאָרגל, שאָקלט זיך ווי ביים דאַווענען, ברעכט די פינגער, אַז ס׳קנאַקט. ר׳ מרדכי יוסף שטייט אָנגעשפּאַרט אויף זיין קוליע, אַנגעסטן גיסן זיך פון אים און ער וואַרפט זיך אין גאַנצן ווי אין קדחת. שעהען־לאַנג טאַנצן אַזוי ביידע און ווערן נישט מיד... מ׳זעט באַשיימפערלעך, אַז זיי שפּאַרן אָן אין די הויכע עולמות. פּלוצעם טוט רעבעלע אַ שלעפּ איר געליימטן פוס, ווי צו מאַכן אַ טריט, זעצט זיך אַראָפּ און צעלאַכט זיך אַזוי אויסגעלאַסן און שפּיציק, אַז אַלע שפּרינגען אויף פון די ערטער. איידער נאָך מען לויפט־צו צו איר, פאַלט זי אַוועק הינטערוויילעכץ און נעמט אַרויסלאָזן אָפּגעהאַקטע קוויטשן ווי שלוקעכצן. די אָפּענע אויגן ווערן פאַרגלייזט און פול מיט ווייסל... הענט־און־פיס קרימען זיך אויס און אַ שוים נעמט איר לויפן פון מויל, ווי ביי אַ נכפּהניצע״...

„איטשע־מאַטעס מערקט גאָרנישט, טאַנצט ווייטער מיט דער פאַטשיילע אין האַנט, פלאַנטערט מיט די פיס ווי אין שכּרות, דאָס פּנים איז צעגליט פון התלהבות, דאָס זיידענע מלבוש איז פּיטש־נאַס; שנירלעך שוויס רינען פון דער באָרד. דער גאַרטל אַראָפּגעפאַלן, איין פאָלע שלעפּט זיך אויפן פאַר־גאָסענעם דיל, דער קאָפּ פאַרריסן אויף אַרויף, גלייך ער וואָלט די גאַנצע צייט געזען עפּעס איבערן נידעריקן פאַררויכערטן באַלקן. ר׳ מרדכי יוסף קאָן זיך מער נישט איינהאַלטן, הייבט אָן שווער צו קרעכצן, גיט אַ זעץ מיט זיין קוליע און נעמט מיט איין מאָל גיך צו האַצקען, שלוכצן און יאָמערן:

„— יידן, לאָמיר טאַנצן!... לאָמיר נישט פאַרשפּעטיקן! די גאַנצע פּמליה־של־מעלה וואַרט אויף אונדז!... לאָמיר טאַנצן!...״

מיר גיבן לענגערע ציטאַטן, כדי אַריינצופירן אין דער כּישוף־וועלט פון דער „מעשה״ און אין דער שפּראַך־אַטמאָספער פון מחבר. זאָל דער לייענער, מיט דעם אָריגינעלן מאַטעריאַל פאַרן אויג, גלייך דורכטראַכטן און נאָכפאָרשן אונדזערע באַהויפּטונגען און אויספירן.

די אייגנאַרטיקע סצענע פון קנס־מאָל איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די „מעשי־שטן״ אין גאָריי און אויך פאַרן סטיל פון מחבר, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט יידישן שטייגער און דורכגענומען מיטן נשמה־

ציטער פון יידישן מענטשן. מיטן פשוטן יידישן וואָרט און אימפּול־סיוון זשעסט, שפּילט ער אויס אַן אויסטערלישע סימפאָניע פון יידישן געמיט, און גיט אין שפּראַך און בילד די וויזיע פון **יידישן געפּיל**, וואָס ראַנגלט זיך ווי אַן אָדלער אין שטייג, פאַרצווייפלט אין זיין אַנגסט און פאַרליבט אין אומענדלעכן רוים פון זיינע הימלען: „יידן רוקן זיך געדיכט צוזאַמען, גלאָצן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, פייכטע פון יראת־שמים"...

אין דער אויבן ציטירטער מאַסן־סצענע האָבן מיר אַ פּלאַסטישע שילדערונג פון אַ **טראַנס**, פון אַן אומנאַרמאַלן צושטאַנד, וואָס איז ענלעך צו אַ מין חלום־אויף־דער־וואָר, וואָס רעדוצירט דעם באַ־וווּסטזיין פאַר דער אַרומיקערווירקלעכקייט און פאַרטראָגט אין אַנדערע וועלטן. ס'איז אַ צושטאַנד פון עקסטאַז, און אין דעם פאַל פון **רעליגיעזן עקסטאַז**, ווו די עבירה ווערט געטאָן נישט אויף צו געניסן פון איר — ווי אין דער פיל־ווייבעריי פון דעם אימפּאָטענטן אַסקעט איטשע־מאַטעס — נאָר די עבירה ווערט געטאָן **לשמה** פאַר אַ העכערן ציל; נישט פאַר זיך, נאָר פאַרן פאָלק ישראל, צו פאַרגי־כערן די גאולה.

גאָריי האָט געדינט דעם שטן אויס **ליבע צו גאָט**. ס'איז **פּאַראַ־**דאָקסאַל און טראַגיש — אַ טראַגיק פון דער יידישער גלות־ווירק־לעכקייט.

אַזאַ קנס־מאָל האָט זיך געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַן אָרגיע פון אויסגעלאַסנקייט — **אָבער נישט ביי יידן**! האָבן די רשעים, וואָס זינדיקן צוליב מצווה אַ פּנים פון חוזק, און דער מחבר באַהאַנדלט זיי מיט שפּאָטישער איראָניע. ער שטעלט זיי פאָר ווי גראָטעסק־פיגורן, קאָמיש אין זייער אומבאַהאָלפנקייט און טראַגיש אין זייער וועלט־דערלייזערישער מיסיע. „יידן, לאָמיר טאַנצן, לאָמיר נישט פאַרשפּעטיקן, די גאַנצע פּמליה־של־מעלה וואַרט אויף אונדז!..." מרדכי יוסף די קאַליקע וויל די ישועה נישט נאָר פאַר זיך, ער דאַרף דערלייזן אויך די „געטלעכע פאַמיליע". אויף זיין קוליע איז אַנגע־שפּאַרט נישט נאָר אַ שוואַכער גוף, נאָר אויך אַ קאָסמישע וויזיע; פילט ער אויף זיך, מרדכי יוסף, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער וועלט; זיין יידיש־עטישער געוויסן לאָזט אים נישט רוען, און ער האָט מורא צו „פאַרשפּעטיקן"...

# דעמאָנאָלאָגיע אין דער ייִדישער ליטעראַטור

אָבער נישט ביי אַלע איז די טומאה צוגלייך אַ טרעפּל צו דער גאולה. זענען פאַראַן עולם־הזהניקעס, רויב־פויגל און שרצים, וואָס זינקען זייער גערן אין זנות און פאַרברעכן, און פלאַדיען זיך ווי ווערעם אויף אַ מיסטיקן באָדן. אָבער ס'איז נישט קיין כלל, דאָס זענען געציילטע, אַזאַ איז גדליה שוחט. דער אמתער „שטן פון גאָריי", וואָס טוט אָפּ אַלע מעשים־תעתועים אויף צו באַפרידיקן זיינע שענדלעכע אַפּעטיטן.

און אַפילו גדליה, וואָס זויגט ווי אַ פּיאַווקע אַלע תענוגים פון לעבן, אויך ער איז אַ הייסער מאמין אין ביאת המשיח. ער נעמט אָן דעם כולו חייב צוזאַמען מיט שבתי צבי ווי אַ משיח. אויף זיין שטייגער איז ער די טרייב־קראַפט און אויך דער קרבן פון דעם **מאַסן־דעליריום**. לויט זיין חשבון וועט חצי־אלול געהערט ווערן דער שופר של משיח. ער האָט אויף דעם געפונען אַן „אייזערנע ראיה" אין אַ קבלה־ספר, און ער דרשנט אין בית־מדרש, אַז דריי טעג פאַר ראש השנה וועט אָנקומען אַ וואָלקן, ייִדן וועלן אויף אים אויפשטייגן און אַוועקפליִען קיין ארץ־ישראל.

וואָס נענטער עס קומט צו אלול אַלץ שטאַרקער איז די אמונה ביי ייִדן. די קרעמער האַנדלען נישט. די בעלי־מלאכהעס אַרבעטן נישט, מען עסט פון גרייטן, מען הייצט די הייזער מיט די שינדלען פון די דעכער און ברעטער פון דיל, ווייל ווינטערן וועט מען דאָך שוין אין ירושלים... דריי מאָל אַ טאָג גייט אַרויס ר' גאָדל חסיד און קוקט אַרויס צו מזרח, אויב מען זעט נישט קיין צייכן:

„רבונו של עולם, גיבער! שעפּטשען זיינע ליפּן, **מיר האָבן שוין קיין כוח נישט צו וואַרטן**!"...

אין די קורצע ווערטער, וואָס רייסן זיך אַרויס ווי אַ **פאַרשטיק־**

טער קרעכץ פון די סאַמע טיפעניש פון האַרצן, איז פאַרקערפּערט אַ שטיק פּסיכישע ווירקלעכקייט. די גלות־עקזיסטענץ פון פאָלק, וואָס איז אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן געווען איין קייט פון שווידער־לעכע ליידן, האָט דעם ייִדן איבערגעלאָזט נאָר איין טרייסט: וואַרטן... וואַרטן אויף דער גאולה. אַ פאָלק וואָס האָט אייביק געוואַרט, וואָס האָט געלעבט מיט דער פּערספּעקטיוו, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין דער צוקונפט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין היינט און געלעבט מיטן מאָרגן, וואָס האָט אייביק זיך געשטרעקט פאָרויס, פאָרויס...

דאָס וואַרטן איז אין דער אָפּטימיסטישער נשמה פון פאָלק איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַ פּריידיקן באַגריף: **בטחון**. דאָס זענען אידענטישע קאָנצעפּטן. זיכער האָט בטחון אויפגעהאַלטן דעם געמיט־צושטאַנד פון פאָלק, געזיכערט זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט; ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע היסטאָרישע געדולדיקייט, דעם גרעסטן כוח צו וואַרטן, דעם טיפסטן בטחון.

אָבער עס זענען געווען מאָמענטן פון באו מים עד נפש, ווען די רשעת־הגויים האָט געמאַכט אומדערטרעגלעך דאָס ייִדישע לעבן, און דער אויסברוך פון פּיין און פאַרצווייפלונג האָט אַראָפּגעשווענקט אַלע שוץ־מיטלען, האָט אויפגעריסן דעם מעכטיקן פעלדז פון ייִדי־שער געדולדיקייט. אין שטויב איז געפאַלן דער מענטש און אומבאַ־האָלפן געשטרעקט זיינע הענט צום הימל: „רבונו של עולם גיכער, מיר האָבן שוין קיין כוח נישט צו וואַרטן!...“

אין די פּשוטע ווערטער, וואָס דריקן אויס די טיפסטע עמאָציע, איז פאַרקערפּערט די גאַנצע טראַגיק פון פאָלק און דער זין פון די משיחישע באַוועגונגען אין פאַרשידענע צייטן.

באַשעוויס האָט געפונען דעם ריכטיקן וואָרט־אויסדרוק פאַר אַט דעם ייִדישן וועלט־געפיל: „רבש״ע, מיר האָבן שוין נישט קיין כוח צו וואַרטן“... ס׳איז אַ תפילה בלחש, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַן אינערלעכן פּאַטאָס, מיט טיפער מענטשלעכער טראַגיק, מיט אייביקן צאָרן און בענקשאַפט נאָך דעם אויסגעחלומטן מלכות־שדי, נאָך דעם פאַרלוירענעם גן־עדן. דאָס זענען די אייביקע אַקאָרדן פון דער וועלט־סימפאָניע וואָס איז אויפגעשפּילט געוואָרן אין די דראַ־מאַטישע צייטן, און וואָס זינגט איר שירה אין בלוט פון ייִדישן

מענטשן. אַזעלכע סטיליסטישע אויפֿבליצן זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר באַשעוויסעס דערציילערישן נוסח.

און וואָס קאָנוווּלסיווער עס קלאַמערן זיך די מענטשן אין דער משיח־אילוזיע, וואָס שטאַרקער זייער גלויבן אין דער באַלדיקער אומפֿאַרמיידלעכער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער גאולה, אַלץ גרעסער ווערט די שליטה פֿון שטן, וואָס באַהערשט דעם גורל פֿון מענטשן און פֿייערט שוין פֿאַרויס זיין פֿולן נצחון.

באַשעוויס אַנטוויקלט די האַנדלונג אויף צוויי פּלאַכן: אויף איינער קייטלען זיך לאַגיש די רעאַלע געשעענישן, וואָס שפּילן אויס דאָס לעבן פֿון מענטשן אין צוויבער פֿון אַ מערקווירדיקער סיפּור־המעשה און אויף דער צווייטער פּלאַך, באַהאַלטן אין הינטערגרונט, פֿירט זיין פֿינצטער שפּיל דער שטן, וואָס רעדט אַרויס ווי אַ דיבוק דורך די צעמישטע און באַזעסענע, היסטעריקער און אַסקעטן, בעל־תאוות און עפּילעפּטיקער, וואָס שטעקן אַן די אַלע אַנדערע און רייסן מיט, אין אַן אויסברוך פֿון מאַסן־היסטעריע.

אין ערשטן טייל איז די פֿאַנטאַסטיק אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אין דער רעאַליטעט. דאָס „אומגעוויינלעכע" האָט זיין באַרעכטיקונג. און עס ווערט אַ שטיק ייִדישע ווירקלעכקייט: מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין באָדן אונטער די פֿיס, פֿאַר וועלכן די ערד איז אַ גיהנום, איבער וועלכן עס הערשן כמיעלניצקיס הייִדעמאַקעס, האָבן זיך פֿאַרוואָרצלט אין אַן אילוזיע און בויען אויף דער האָפֿענונג, אַז אַ וואָלקן וועט זיי אויפֿנעמען און פֿירן קיין ירושלים.

צום סוף פֿון בוך ווערט אָבער דאָס רעאַלע אַלץ מער אויסגע־וועפּט, די מענטשן פֿאַלן אַריין ווי אין אַ הינערפּלעט, און דער שטן באַהערשט די גאַנצע פּאַנאָראַמע. ער געוועלטיקט אומבאַגרענעצט און אומבאַשטראָפֿט, און צינדט אָן ביים מחבר אַ ליידנשאַפֿטלעכע תאווה צו דערציילן, און מאריך זיין צו דערציילן, מיט אַ מין ווילדן פֿאַרבאָרגענעם פֿאַרגעניגן די מעשים־תעתועים פֿון די שדים, רוחות, דיבוקים, שרעטעלעך, נישט־גוטע און די אַלע אַנדערע שווידער־פֿאַרשוינען פֿון דער צעשרויפֿטער און צעהיצטער מענטשלעכער פֿאַנטאַזיע. דערציילט ער אונדז אַז:

„נאַכט נאָך נאַכט באַזוכט דער שטן רעכעלען און טוט זי פּייניקן. ער איז שוואַרץ און הויך, מיט פֿייערדיקע אויגן

און מיט אַ לאַנגן ווײדל. זײַן לײַב איז קאַלט, זײַנע ליפּן — ראַציק, און ער האָט אַ געריך פֿון פּער. פֿריִער באַשלאָפֿט ער זי ביז זי בלײַבט ליגן גאָר אָנמעכטיק, דערנאָך שטײט ער אויף און טוט איר אָן אַלערלײ יסורים און שפּאַס"...

באַשעוויס באַאַרבעט דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר און באַזונדערס די **דעמאָנאָלאָגיע**. די דעמאָן־געשיכטעס פֿאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין פֿאָלקלאָר פֿון אַנדערע פֿעלקער, **אָבער נישט בײַ ייִדן!** אין דער ייִדישער פֿאָלקס־פֿאָרשטעלונג דערשײַנט דער שׂטן דאָס רוב ווי אַ סימבאָל פֿון בײז, אָבער נישט ווי אַ רעאַלע געשטאַלט, וועלכע מישט זיך אַרײַן אין לעבן פֿון מענטשן. אַבערגלויבן איז בײַ ייִדן קײן מאָל נישט געווען טיף פֿאַרוואָרצלט, און דער פֿאָלקלאָר איז כּמעט ווי אַן אויסנאַם פֿרײַ פֿון ניבול־פּה, צניעותדיק, געזונט און אָפּגעהיט. אַ רעזולטאַט פֿון אַ געזונטער סעקסועלער מאָראַל און טהרת־משפּחה, וואָס האָט פֿיל בײַגעטראָגן צום פּסיכישן געזונט פֿון פֿאָלק, צו זײַן גײַסטיקער נאָרמאַלקייט, בײַ אַזעלכע אומנאָרמאַל שווערע באַדינגונגען פֿון לעבן.

דער דורך דורות קולטיווירטער ייִדישער געשמאַק פֿאַר מענטש־לעכער אָנשטענדיקײט וואַרפֿט אָפּ ניבול־פּה ווי אַ פֿרעמד געוויקס פֿאַרן ייִדישן גײַסט. פֿאַרן ייִדישן עטישן געפֿיל איז דערווידער יעדע אומרעכט און געוואַלד, און אַ ייִדישער לײענער פֿאַרדײַעט נישט און רעבעלירט קעגן אַזאַ אויסגעשפּראָכן עראָטיש־סאַדיסטישער סצענע ווי דער טײַוול טוט רעבעלען מיטן שענדן, פּײַניקן זי און אָנטאָן „אַלערלײ יסורים"...

# באַשעוויס און עדגאַר עלאַן פּאָ

אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן מיר אַ קלאַסישן מוסטער פון דעם דעמאָן־זשאַנער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון באַרימטן צפון־אַמעריקאַנער שרייבער, עדגאַר עלאַן פּאָ. אויך באַשעוויס האָט טייל העלדן זיינע גענומען פון דער כת לצים און אין דער וועלט פון געשטאָרבענע, ווי אין דער דערציילונג „צוויי מתים גייען טאַנצן" און אין פיל אַנדערע. ביידע שרייבערס האָבן געהאַט אַן ענלעכע קינדער־דערפאַרונג, אָבער זיי האָבן זייער גייסטיקע יניקה געשעפּט פון אַנדערע קוואַלן, אַן אַנדער ירושה באַקומען און געלעבט אין צוויי באַזונדערע וועלטן. האָבן זייערע העלדן ענלעכע כאַראַק־טער־שטריכן, אָבער אַן אַנדער גורל אין לעבן.

עדגאַר פּאָ האָט זייער יונג פאַרלאָרן זיין מוטער און האַלב־פאַרוואַרלאָזט פלעגן אים אין די נעכט באַשלאָגן קאַלטע אַנגסטן, ער פלעגט זען שווידער־בילדער און באַהאַלטן דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע, פלעגט ער מורא האָבן צו אָטעמען. אין זיינע זכרונות שרייבט ער: „איך האָב אָפט געפילט אַ קאַלטע האַנט ווי אייז אויף מיין פּנים אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען איך בין געווען אַליין אין צימער"...

אין אָט די נעכט זענען עס געבוירן געוואָרן די קאָשמאַר־פאַנ־טאַזיעס, וואָס האָבן אַנגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן.

אַזעלכע וויסטע חלומות און נאַכט־אַנגסטן זענען אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג ביי פיל קינדער און יוגנטלעכע, אין וועלכע די אויפגע־שפּראָצטע סעקסועלע רייפקייט קעמפט מיטן קינדישן פּחד און שולד־געפיל. ביי ע. פּאָען זענען נאָך צוגעקומען באַזונדערע איבערלע־בונגען, וואָס האָבן געגעבן זיין אָנגעשראָקן געמיט אַן אומנאָרמאַלע ווענדונג. די פרוי וואָס האָט אים אַדאָפּטירט, זיין צווייטע מוטער,

איז אויך יונג געשטאָרבן. עס שטאַרבט אים, קורץ נאָך דעם, זיין כלה און שפּעטער אַ נאָענטע פריינדין, און ער האָט זיין ליידנשאַפט איבערגעטראָגן פון לעבעדיקע אויף טויטע...

עס האָט אים געלאָקט דער שאַרבן, נישט די האָר; דער סקעלעט, נישט די צאַרטע הויט; די ציין, נישט דער קוש... ער איז געווען פאַרליבט אין קבר, אין פאַרגעניגן צו פאַרשאַפן ווייטיק, אין ווילן צו שטאַרבן. די פאַרלאַנגען זענען, אין אַ גרויסער מאָס, געווען אומבאַוווסטזיניקע, ער האָט פון זיי נישט געהאַט קיין קלאָרע אָנונג, און האָט זיי נישט פאַרווירקלעכט אין רעאַלן לעבן. ער האָט אָבער די פאַרלאַנגען געבראַכט צום אויסדרוק אין לעבן פון זיינע ליטע־ראַרישע העלדן. זיינע תאוות זענען געווען פאַרבאָרגן נישט אין בלוט, נאָר אין דמיון, האָט ער זיינע אימפּולסן פאַרווירקלעכט אומ־דירעקט, דורך דער פאַנטאַזיע, אין דער שאַפונג.

אין איינער פון זיינע דערציילונגען פאַרליבט זיך דער העלד אין אַ קראַנקער פרוי. באַזונדערס האָבן אים פאַרכישופט אירע שיינע ציין. מיט אומגעדולד וואַרט ער אויפן סוף, און ווען זי שטאַרבט, רייסט ער איר די ציין... אויף אויסצוהאַלטן די נסיונות, וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט און די שווערע דורכפאַלן אין לעבן, האָט ע. פּאָ געזוכט דערמוטיקונג אין בראַנפן, אין נאַרקאָטישע געטראַנקען, און פלעגט טרינקען ביז פאַרגעסונג. דער אָפּיום האָט אויסגעבערענט זיינע לעבנס־קרעפטן. אַן אימפּאָטענטער, איז ער אומפעיִק געווען אויף נאָרמאַלער ליבע, און האָט דאָך שטענדיק געפירט „ליבעס" און פרויען ממש פאַרפאָלגט. ער האָט זיך אויס־געלעבט אין דער פיקציע, אין דער אויסטראַכטעניש. ס'איז אַ מין אויטאָ־עראָטיזם, וואָס ווערט דורכגעפירט מיט דער הילף פון דער פאָרשטעלונג־קראַפט, וואָס האָט אָנגעצונדן זיין גאַנץ וועזן און גע־געבן אַן אילוזאָרישע באַפרידיקונג.

שאַרל באָדלער, זיין גייסטיקער ברודער, האָט די עראָטאָמאַנישע טענדענצן סאָפיסטיש געפרווט באַרעכטיקן: „וואָס אַמביציעזער און דעליקאַטער עס איז די נשמה, האָט ער געזאָגט, אַלץ לייכטער פאַרטראָגט זי די טרוימען אין אַנדערע וועלטן, וואָס ווייטער פון דעם פשוטן, פון דעם טעגלעכן, פון דעם נאַטירלעכן"...

אין זיין ליד „דער ראָב" דריקט אויס עדגאַר עלאַן פּאָ, זיין

נשמה־צושטאַנד. אַ ראָב איז דורכן אָפענעם פענצטער אַריינגעפלויגן אין זיין צימער, זיך געזעצט אויפן ראַנד פון טיר און געבליבן ווי פאַרגליווערט. קוקט ער אים אָן מיט שרעק און פרעגט: — וואָס ביסטו פאַר אַ פויגל? ענטפערט ער אים: — קיינמאָל מער!... און אַזוי פרעגט ער אים, צי וועט ער נאָך געניסן פון גליק אין לעבן, צי איז אים נאָך פרייד באַשערט אויף דער וועלט, אָדער אויף יענער וועלט? און דער ראָב, ענטפערט אים דאָסזעלבע: — קיינמאָל מער! קיינמאָל מער!

אַ מענטש האָט פאַרלאָרן אַלע האָפענונגען און זיין געזאַנג האָט באַקומען אַ מאַקאַברישן ריטעם; אַ מוזיק פון קאַלטן גליווער, פון מאָנאָטאָנעם טויט־קלאַנג: קיינמאָל מער, קיינמאָל מער...

אַ סך קינדער און יוגנטלעכע ליידן פון שווערע נאַכט־אַנגסטן און שרעק, וואָס לאָזן אויך אָפט איבער אַ שווערן חותם אויפן גאַנצן ל'עבן. טאַטע־מאַמע באַמערקן צו מאָל נישט — און אַפילו גוטע עלטערן — ווי שווער זייערע קינדער ליידן. דער אויסדרוק „די זאָרגלאָזע קינדהייט" קלינגט דאָס רוב ווי אַ בייזער שפּאַס פון שטן.

אין דער שילדערונג פון זיין הויפּטהעלד אין ראָמאַן „די פאַמיליע מושקאַט" זאָגט באַשעוויס: „עוזר־העשל איז דורכגעגאַנגען אַ סך קינדער־קראַנקייטן. פרי האָט ער אָנגעהויבן ליידן פון פּחדים. ער האָט זיך געשראָקן פאַר אַ שפּיגל, פאַר אַ קוימענקערער. פאַר אַ האָז. עס האָבן זיך אים געחלומט ציגיינער, וואָס כאַפּן קינדער אין זאַק; מתים וואָס טאַנצן הינטער דער באָד"... און עוזר־העשל איז דער מחבר בכבודו ובעצמו. באַשעוויס האָט זיך באַזעצט אין זיין האַרצן און קוקט דורך זיינע, עוזר־העשלס, אויגן מיט ציטער און אומצוטרוי אויפן לעבן.

אין „מיין טאַטנס בית־דין שטוב" דערציילט ער וועגן די „פינצטערע טרעפּ", וואָס האָבן געפירט צו זיין היים, אויפן צווייטן גאָרן. אין די נעכט פלעגט ער אָפט דאַרפן אַראָפּגיין אין הויף און זאָגט: „די טרעפּ און דער קלאָזעט אין הויף, זענען געווען דער קאָשמאַר פון מיין קינדהייט"... אויף אַ צווייטן פּלאַץ באַמערקט ער: „איך געדענק זאַכן פון אַן עלטער וואָס זעלטן אַ קינד געדענקט. איך שעם זיך צו זאָגן ווי ווייט מיין געדעכעניש גרייכט"...

און אין אַ יונגן זכרון ווערן טיף אָפּגעשטעמפּלט די איבערלע־

בונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַ **שרעקלעכן איינדרוק**, זיי בלייבן דאָרט שטעקן, באַווירקן דעם כאַראַקטער פון מענטשן, וואַרפן אַן אַ פינצ־טערן שאָטן אויפן געמיט, באַפעלקערן די פאַנטאַזיע מיט אומהיימ־לעכע געשטאַלטן, הערן נישט אויף צו קומען אין חלום און ווירקן אויף דער וואָר.

איז יצחק באַשעוויס געוואָרן אין דער יִדישער ליטעראַטור דער דיכטער פון יאוש, פון קאָשמאַר, פון סקעפּטיציזם, פון חבלי־משיח, פון פיינלעכן גלות־געפיל — פון דעם „שטן פון גאָריי".

אויך די העלדן פון די אַנדערע דערציילונגען אין דעם בוך, און אין אַלע זיינע ווערק, זענען אויף אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אופן אינספּירירט אין דער שרעק, וועלכע עס האָבן אַנגעוואָרפן אויפן קינד אַ „ציגיינער מיטן זאַק, די מתים אויפן בית־עולם, די שדים הינטער דער באָד"...

און ס'איז אַ קינד מיט אַ „פענאָמענאַלן זכרון"...

עדגאַר עלאַן פאָ האָט אַריינגעפירט אין דער מאָדערנער ליטע־ראַטור דעם **דואַליזם** פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, דעם קאַמף מיטן אייגענעם געוויסן, און זיין גייסט האָט באַווירקט די באַדייטנדיקסטע קינסטלער פון זיין צייט און פון די שפּעטערדיקע דורות, ווי באָדלער, מאָפּאַסאַן, דאָסטאָיעווסקי, אָסקאַר ווײַלד און אַנדערע. זיין דערציילונג „וויליאַם ווילסאָן" איז אַ געשיכטע פון אַ מענטשן, וועלכן עס פאַרפאָלגט זיין צווייטער „איך". ס'איז אַ **קאַמף** פון גאָט מיטן שטן, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין פּאָעטס נשמה. ווילסאָן איז אַ שפּילעכל אין די הענט פון טייוולאָנישע קרעפטן: ליידנשאַפט, אייפערזוכט, קנאה, אויסגעלאַסנקייט... זיין צווייטער איך וואָרנט אים שטענדיק, שטראָפט אים, וויל אים אָפּהאַלטן. איין מאָל ווען ער האָט געוואָלט זיך צושאַרן צו אַ פרעמד ווייבל, האָט דער „צווייטער" איך זיך באַוויזן. מער האָט ווילסאָן נישט געקאָנט פאַרטראָגן און אויס־סער זיך פון צאָרן דערשטעכט ער זיין „געוויסן" און ווען יענער פאַלט, דערפילט ער, אַז עס האָט אויך מער נישט קיין זין זיין אייגן לעבן...

אויך באַשעוויסעס העלדן פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט זייער אייגענעם געוויסן, **אָבער דערשטעכן קאָנען זיי אים נישט. צו דעם דערלאָזט נישט זייער יִדישע ירושה, די טראַדיציע פון „דעם טאַטנס בית־דין שטוב"**.

# קאַלעקטיווע טראַגיק

די אויבן־דערמאָנטע דערציילונג „צוויי מתים גייען טאַנצן" איז אַ שווידער־טאַנץ פון געשפּענסטער; „דאָס טאָגבוך פון אַ נישט געבוירענעם" שילדערט דאָס לעבן פון אַ שרעטעלע, אַ „חכם לרע", וואָס פאַרדרייט די מעשים פון מענטשן. „דער ייד פון בבל" איז אַ בייזער חלום מיט קליפּות, שוואַרצע לייט מיט געגדזענע פיס, נאַקעטע נקבות מיט צעפּ ביז אַראָפּ, מחנות לאַפּיטוטן...

נישט נאָר עוזר־העשל, דער הויפּט־העלד פון „די פאַמיליע מושקאַט", אויך רעבעלע, פון דעם „שטן פון גאָריי", איז אַ קרבן פון פּחדים פון וועלכע זי האָט געליטן אין די קינדער־יאָרן. די שרעק איז איר אַריין אין די ביינער און זי איז געבליבן האַלב־געליימט אויפן גאַנצן לעבן.

באַשעוויס שילדערט גרויל־בילדער, וואָס שפּרייטן אויס זייער געשפּענסטיקן שאָטן אויף דער נאַטור, אויף דער סביבה און אויף די מענטשן. נישטאָ קיין ליכטיקער פלעק און קיין אָפּרו פאַר די געמאַטערטע גייסטער, און דערביי איז דער מאַטעריאַל מיט וועלכן עס ווערט געשאַפן דער טעראָר־עפעקט, אין אַ גרויסער מאָס גענומען פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט; נישט קיין פאַנטאַסטיק פון יענער וועלט, ווי ביי עדגאַר עלאַן פּאָ, נאָר דווקא עלעמענטן פון דער וועלט, וועלכע דער פּחד אין האַרצן, דער אָנגעשראָקענער געמיט, קליידט אָן אין פאַנטאַסטישע פאַרבן און פאָלקלאָרישן נוסח, און עס ווערט „אַ מעשה פון פאַרצייטן":

„די מויער וווּ רעבעלע האָט געוווינט איז געווען זייער אַן אַלטע און געשטאַנען אין עק שטאָט, נישט ווייט פון בית־עולם... די ערד אַרום שטוב איז געווען בערגלדיק און טאָליק, פול מיט

לעבער, און עס האָבן זיך דאָרט אַרומגעוואַלגערט אַלערליי שמאַטעס, פּלעדערווישן און פאַרפּוילטע זעק... אין ענגן אַנגע־מושבטן שלאָף־חדר האָבן שטענדיק געקראַצט מייז און עס האָט זיך געהערט פון דאָרטן אַ שאָרכעניש און אַ רודערן, גלייך ווי אַ האַנט וואָלט זיך געפּאָרעט אין דער געדיכטעניש... ווען עס האָט געראַוויכערט פון קוימען איז געקומען דער קוימענקערער. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט ווייסל, ווי איבערגעדרייט, דאָס פּנים — שוואַרץ און אויסגעקרימט ווי ביי אַ טייוול... ווען דער קוימענקערער איז אַנגעקומען האָט רעבעלע זיך באַהאַלטן אונטערן בעט און איינגעגראָבן זיך אין די קליידער... מוראדיק איז געווען ביינאַכט, ווען רעבעלע פלעגט זיך מוזן לייגן מיט דער באָבען אין איר באַנק־בעט. עס האָט זיך געשפּירט פון דער זקנה מיט אָפּגעברענטע פעדערן און מיט מייז... אונטער דער איבערבעט, אין חשכות, האָט זי דערציילט מעשיות פון בייזע חיות און פּיפּערנאָטערס, פון גזלנים וואָס וווינען אין גריבער צוזאַמען מיט מכשפות, פון מענטשנפרעסערס, וואָס בראָטן קינדער אויף שפּיזן"...

די נישט־אויסגעלאָדענע אַנגסטלעכע קינדער־פאַנטאַזיעס האָט באַשעוויס קינסטלעריש טראַנספּערירט אויף זיינע העלדן און מיט זיי אָנגעלאָדן די טעמאַטיק פון זיין ליטעראַרישן שאַפן.

אַן איבערגעשראָקענער, מיט אויפגעריסענע שוואַרצאַפּלען וואָס גלאַנצן אין דער פינצטער, האָט ער דערפילט דעם שטן, וואָס ליגט פאַרטייעט אין דער טיפעניש פון האַרצן; האָט דערזען דאָס שדים־שרעטעלע, וואָס פאַרקרימט די דרכים פון מענטשן; באַנומען די טראַגיק פון גלות וואָס פאַרקריפּלט דאָס ייִדישע וועזן...

ביי עדגאַר עלאַן פּאָ איז **יחידישער שווידער**. ער איז שטענדיק אַליין, דערווייטערט פון מענטשן, פאַראיינזאַמט אין זיין שאַפן, דעריבער איז זיין ווערק דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אויסגאַנגלאָזן פּעסימיזם און זיין שעפער זינקט אין אָפּגרונט. ביי באַשעוויסן איז מער **קאָלעקטיווע טראַגיק**, און דאָרט ווו דער יחיד אידענטיפיצירט זיך מיטן גורל פון כלל, ווו ער פאַרבינדט זיך מיטן געמיט־צושטאַנד

פון קאָלעקטיוו, געפינט ער די וועגן וואָס פירן צו מענטשן, און באַקומט מער צוטרוי און גלויבן אין לעבן.

„נישטאָ אַזאַ גאַנצע זאַך ווי אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ", האָט געזאָגט אַ קלוגער רבי. אַן אויסגעוווייטיקט געמיט איז פּילבאַר צו פרעמדן אומגליק, און ווען אַ ייִד דערפילט די שווערע מערכה פון זיין פאָלק, פאַרגעסט ער אין זיינע פּערזענלעכע ווונדן. דער כוח פון ליבשאַפט און מיטגעפיל מאַכט „גאַנץ" דאָס האַרץ און לייכטער די אייגענע ליידן.

די אַנגסט־שטימונג פון מרה־שחורה דערוויייטערט פון אַלעם מענטשלעכן, שלאָגט אַרויס פון לעבעדיקן מענטשן־שטראָם, ווי אַפּפּאַל אויף זאַמדיקע ברעגעס. באַלאָדן מיטן שולד־געפיל, אומ־צוטרוי און פאַרביטערונג, פילט זיך דער מענטש פאַריתומט און פאַרוואָרלאָזט אויף דער וועלט. אין זיינע ליידן זעט ער נישט **דעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן לעבנס־גורל, נאָר אַ שטראָף פון זיין אייגענעם ביטערן מזל,** וואָס דערווייטערט אים פון מענטשן. פאַרפּאַנצערט אין זיין טרויער ווי אַ שנעק אין זיין מושל, זוכט ער אין דער אינטימער פינצטערניש צו באַפרידיקן די אומגעזונטע אינסטינקטן מיטן הייסן אָטעם פון אייגענעם ווען... נישט אומזיסט האָבן די חז"ל געוואָרנט קעגן מרה־שחורה, „וואָס איר וואָרצל איז אין ניאוף".

אָבער גאַנץ אַנדערש איז ווען דער אינדיווידועלער טרויער פון ייִדישן יחיד פליסט אַריין און ווערט אויפגעלייזט אין ים פון ייִדישע ליידן. אין אָנזיכט פון דער שווערער מערכה פון כלל זעען אויס נישטיק־קליין די אייגענע זאָרגן. אונטער דער פּאָן פון שווערן געמיינזאַמען גורל ווערן אויסגעלייטערט אַ סך פאַרצאַרנטע געמיטער און פאַרגעסן פיל איינגעבוירענע אַנגסטן און דערוואָרבענע קאָמ־פּלעקסן. די געמיינזאַמקייט פון לעבנס־אינטערעס גיט זיכערקייט און טרייסט, אַז מען איז נישט פאַרוואָרלאָזט און פאַרגעסן.

שלום אַש לאָזט ערגעץ זאָגן איינעם פון זיינע העלדן: „אַ מענטש קאָן נאָר דעמאָלט ווערן אויסגעלייזט, ווען ער לייזט זיך אויס אַלס יחיד און שפּאַנט זיך איין ווי אַ קליינער טייל פון אַ כלל. דו ווייסט, אַז דו געהערסט צו אַ כוח וואָס שלעפּט דיך און ביסט

נישט הפקר, לויפסט נישט אַרום אַליין מיט דיין נאַקעטקייט".

אַ שרייבער „שפּאַנט זיך איין" אין אָרגאַניזם פון כלל מיטן לעבנס־כוח פון זיין שאַפונג.

אין מלחמה־צייט פאַרשווינדן אַ סך **אינדיווידועלע נעוראָזן.** דער מענטש איז אונטערן שוץ פון אַ העכערן געזעץ און פון אַן **אַלגעמיינעם** גורל. אמת, עס בלייבט די מורא פאַר אַלע מעגלעכע מלחמה־געפאַרן; אָבער דאָס איז אַ נאָרמאַלע און באַוווסטזיניקע מורא, נישט קיין אַנגסטלעכער פחד, וואָס וואָרצלט אין אומבאַ־ווּוסטזיין און שטאַמט פון שווערע איבערלעבונגען אין די ווייטע קינדער־יאָרן.

באַשעוויס האָט אויסגעקליבן פאַר אַן אַרענע פון זיין קינסט־לערישן קאַמף דעם אומענדלעכן פּראַנט פון ייִדישן לעבן. די טראַגישע גרויסקייט פון ייִדישן גורל האָט אים געדינט ווי אַ דאַמבע, וואָס האָט אויפגעהאַלטן אין די נאַטירלעכע ברעגעס דעם אימ־פּולסיוון שטראָם פון דער אינדיווידועלער טראַגעדיע — פון דער אַנגסט־שטימונג — וואָס האָט זיך נישט איבערגעגאָסן און נישט פאַרפלייצט דעם באַוווסטזיין, און נישט דעגענערירט אין פאַר־צווייפלונג, אין אויסגאַנגלאָזער מיזאַנטראָפּיע און מרה־שחורה.

האָט באַשעוויס נישט פאַרענדיקט זיין „דער שטן פון גאָריי", מיט קיין פולן זיג פון שטן. עס איז אמת, דער וואַלקן פון הימל אויפצונעמען ייִדן קיין ירושלים איז נישט געקומען. דער מיראַזש איז פאַרשוווּנדן, די פאַרבלענדעניש געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז, אָבער **די האָפענונג איז געבליבן.** דורכגעפאַלן איז נאָר דער וועג, וואָס האָט געפירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע אָבער נישט די אידעע גופא. דער מוסר־השכל פון ווערק איז — און לויט דער ייִדיש־עטישער איינשטעלונג לאָזט זיך באַשעוויסעס ווערק מאַכן אַזאַ אויספיר — **אַז דער וועג פון כולו חייב איז נישט דער ריכטיקער!** ס'איז אַ וועג וואָס פירט נישט פאָרויס, נאָר צוריק: אין תהום פון מאָראַלישער ירידה. דער טראַגישער סוף פון דער מעשה, דער דורכפאַל פון דער משיחישער אילוזיע, זעט אויס צו זיין ווי אַ באַרעכטיקטע שטראָף: דער פאַלשער משיח איז דורכגעפאַלן, דער אמתער לעבט אָבער אין דער ייִדישער פאָלקס־פאָרשטעלונג...

# די פֿאַמיליע מושקאַט

יצחק באַשעוויס האָט האַרב פֿאַרמשפּט די מעשׂים תּעתּועים פֿון טייוול אין זיין „דער שטן פֿון גאָריי“, דאָך האָט ער אים נישט אָפּגעלאָזט און אויך מיטגענומען אויף זיין ליטעראַרישער עקס־קורסיע קיין וואַרשע. די „מעשׂה פֿון פֿאַרצייטנס“, ווי עס זאָגט דאָס אונטערקעפּל פֿון ווערק, שפּילט זיך אויך אָפּ אין אונדזערע צייטן. די „מעשׂה“ ווערט ווייטער דערציילט אָבער שוין מיט אַן אַנדער נוסח, מיט אַן אַנדער ניגון, אַנדערע מענטשן, אַן אַנדער סביבֿה, אַן אַנדער וועלט; אָבער — מיטן זעלבן טייוול...

עס האָט געלעבט בק״ק וואַרשע אַ ייִד אַ נגיד, ר׳ משולם מושקאַט, אַ הייסער חסיד, אַ חשובֿ ביי גאָט און ביי לייט. געווען איז ער אַ באַלעבאָס פֿון אַ סך הייזער און אונטערנעמער פֿון גרויסע געשעפֿטן. און גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס און האָט געמערט זיין הויז־געזינד; זין און טעכטער, שניר און איידעמס, אייניקלעך און אוראייניקלעך. אַ מידה טובֿה האָט געהאַט דער גבֿיר: ווי אַ גוטער פֿאָטער פֿלעגט ער זאָרגן פֿאַר די זיווגים פֿון זיינע משפּחה־לייט. טאָן די שענסטע שידוכים, געבן נדן מיט דער ברייטער האַנט און פֿראַווען שׂמחות, וואָס האָבן געשמט איבער גאַנץ מדינת פּוילן.

אַלע זיינע זין און איידעמס זענען כּלומרשט געווען אַנגעשטעלט ווי פֿאַרוואַלטער פֿון זיינע הייזער, און באַקומען פֿאַר דער טירחה אויסגעצאָלט וואָכן־געלט אויף אויסצוהאַלטן בכּבֿוד זייערע משפּחות און פֿירן אַ שטאַט ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ חסידיש־נגידישן שטייגער.

האָט מען דאָך געדאַרפֿט לעבן אין נחת און אין כּבֿוד און גאָט דאַנקען פֿאַר זיין חסד און רחמים? — איז אָבער נישט געווען אַזוי. מעשׂה שטן האָט זיך באַקומען אַלץ קאַפּויער און קיינער

איז דאָרט נישט געווען גליקלעך, אָנהייבנדיק פון ר׳ משולם בכבודו ועצמו. אַן אויפהער האָט ר׳ משולם זיך געיאָגט אין יאָר פון לעבן, קיין מאָל קיין צייט נישט געהאַט. אין דער יוגנט האָט מען גערדאַרפט קומען צו אַ „תכלית״, און אויף דער עלטער האָט מען גערדאַרפט דעם תכלית אָפּהיטן; מען קאָן אַזאַ פאַרמעגן, קיין עין־הרע, אויף פרעמדע הענט נישט אָנטרויען. איז קיין מאָל קיין צייט נישט געווען צו מאַכן אַ חשבון־הנפש און עפּעס מתקן זיין ביים לעבן, און אַז מען הייבט אָן אונטערציִען דעם סך־הכל אויפן טויטן בעט, איז שוין צו שפּעט, מען קאָן שוין צוריק נישט כאַפּן...

זאָט אין יאָרן, אָבער קראַנק און אָן לשון, ליגט דער אַלטער נגיד ווי אַ שטומער עדות פון זיין ביטערן סוף, פאַרמשפּעט אַלץ צו זען, צו הערן און — שווייגן, ווי אַ שטראָף פאַר אַ נאַריש געלעבט לעבן.

„עס האָט אים אַלץ באַנג געטאָן: דאָס וואָס ער האָט חתונה געהאַט צוויי מאָל מיט טעכטער פון געמיינע הייזער און אויסגעהאָדעוועט פּראָסטע קינדער; פאַר וואָס ער איז נישט געווען איבערקלייבעריש מיט די איידעמס; הלמאי ער האָט נישט געשריבן קיין צוואה ווי ס׳באַדאַרף צו זיין... כ׳האָב געלעבט אָן חשבון און שטאַרב אָן ווידוי, האָט ר׳ משולם געטראַכט, ווי שטייט דאָרט אין קהלת? „אַלץ איז אייטל, נאַריש, מ׳זאַמלט פאַר פרעמדע מי...״

און אַט דער פּעסימיסטישער קהלת־טאָן גייט ווי אַ פּערמאַנענטער צושפּיל אין דער לעבנס־סימפאָניע פון דער פאַמיליע מושקאַט און אין פיל אַנדערע ווערק פון יצחק באַשעוויס.

דער גורל פון פאָטער האָט זיך ווי איבערגעגעבן אויף די קינדער, יעדער דור מאַכט דורך אַ לעבנס־קרייז, וואָס איז אין תוך ענלעך אויף זיינע פאַרגייער. ר׳ משולמס זון, ניוניע, „אַ קליין מענטשל מיט אַ שפּיציק בייכל״ וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער פאַמיליע פאַר אַן עסער און אַ פרעסער, האָט געהאַט אַ פרוי, אַ רבנישע טאָכטער, וואָס האָט געמוזט נעמען פּילן צום אַפּעטיט און טראָפּנס צום שלאָפן. זי פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט פאַרבאָרגענע

שלאָפקייטן און פלעגט מיט פאַרביטערונג טענהן: ער ווייסט דען ווי גוט ס'איז אים? פרעגט אים בחרם!...

ניוניעס טענות זענען געווען גאַנץ אַנדערע: מיין טאַטע, מיט די שדכנים, האָט ער געטראַכט, האָבן מיך אָפּגעקוילעט — „סע נישט קאַ ווייב, נאָר אַ פּגע, אַ מקח טעות!"... און זיין פאַרביטערונג איז געווענדט, נישט נאָר קעגן פאָטער און די שדכנים; נאָר אויך זיך שאַנעוועט ער נישט. איך בין נישט געקומען צו קיין תכלית, וואַרפט ער זיך פאָר. דאָס גאַנצע לעבן געוואָלט זיך אַרויסרייסן, פאָרן, עפּעס טאָן, לערנען, האַנדלען, און גאָרנישט געטאָן, געבליבן שטעקן אין דער בלאָטע...

דאָס איז איין פּאָרל אויף אַ מוסטער. דער גורל פון די אַלע אַנדערע איז נישט בעסער. די טאָכטער, לאה, האָט זיך פאַרליבט אין קאַפּל משרת, ר' משולמס אַדמיניסטראַטאָר און פאַרטרויונגס־מאַן, האָט מען זי אויף גיך חתונה געמאַכט מיט אַ יונגן אלמן, אָבער אַ למדן און בעל־יחוס. איז ער געווען אַ פרעמדער מענטש אין שטוב, אָדער ער פלעגט זיצן אין שטיבל און לערנען, אָדער ער פלעגט אַוועקפאָרן צום רבין אויף לאַנגע מאָנאַטן.

קיינער אין דער פאַמיליע איז נישט גליקלער...

אויך דער שלימזל פון דער צווייטער טאָכטער איז אַזאַ. פּונקט ווי איר זיווג איז געווען הויך און שטאַרק, אַזוי איז זי געווען קליין, קראַנק, מרה־שחורהדיק, מיט אַ רויטער נאָז און אויסגע־וויינטע אויגן. אַבראַם, איר מאַן, אַ פריילעכער און האַרציקער, אָבער גלייכצייטיק אויך דער זינדיקסטער אין דער משפחה, זאָגט ביי אַ געלעגנהייט צו עוזר־העשלען: „אַלץ וואָס מיר ייִדן טוען איז קרום. מ'פאָרט צונויף אַ פּליג מיט אַ העלפאַנט... נעמטץ מיר מיט מיין חמאַן. מיר פּאַסן ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. שקר מיט שלי־מזל... קומען אַרויס קריפּלען, פּאַקראַקעס, ווילדע מוחות. אוי, דער גלות, דער גלות! ער'ט אונדז אָפּגעקוילעט!".

דאָס איז דער אייגנטלעכער גייסט פון קהלת, וואָס האָט נאָך פאַרן לאַנגן ייִדישן גלות געזאָגט: אַז דאָס לעבן איז מעות לא יוכל לתקן (א' ט"ו) — אַ קרומקייט וואָס מען קאָן נישט אויסגלייכן. דער גלות האָט נאָך געדיכטער געמאַכט די פאַרבן און ער האָט

זיכער אַ גרויסן חלק אין די אַלע „קרומקייטן" און איבלען, וואָס ווענען אויסגעפּאַלן אויפן ייִדישן גורל. מיר האָבן אויבן דערמאָנט, אַז עלטערן ווייסן אָפט נישט ווי שווער זייערע קינדער ליידן. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן, אַז מיר ווייסן אָפט נישט ווי **שווער מענטשן ליידן אין זייער אינטימען לעבן**. ווייל עס האָט ערגעץ־ווו, זיך אַריינגעמישט דער שטן און ווי אויף צו להכעיס עפּעס קאַליע געמאַכט...

# קרומע שידוכים

דער העלד פון עדגאַר עלאַן פּאָס דערציילונג „ליגעריאַ" הייבט אָן זיין השתפכות־הנפש מיט די ווערטער: „אויב דער בלייכער שוואַרץ־באַפּליגלטער גאָט, אַשטאַפּעט פון מצרישן געצנדינסט, האָט צונויפגעפּירט קרומע שידוכים, ווי מען פאַרזיכערט, האָט ער מיינעם זיכער צונויפגעפּאָרט"...

דאָס „קרומע" איז ביי פּאָען נישט קיין צופעליקער אַטריבוט, נאָר אָן אויסדרוק פון זיין טראַגישער לעבנס־ווירקלעכקייט. עס הייסט, דאָס מענטשלעכע לעבן ווערט נישט רעגירט דורכן גראָדן שכל און גוטן ווילן, נאָר דורכן בלינדן גורל און פינצטערע אינסטינקטן געירשנטע פון דורות עלטערן. נישט דער מענטש האָט די בחירה, נאָר פרעמדע, פאַרבאָרגענע, שוואַרץ־באַפליגלטע קרעפטן. אַ פּעסימיסטישער סימבאָליזם, וואָס ברענגט צום אויסדרוק דאָס דעמאָנישע אין לעבן און ווייזט אונדז דעם מענטשן ווי אַ קרבן, וואָס צאַפּלט אומבאַהאָלפן אין די פאַרשפּרייטע טייוולאָנישע נעצן.

אין אַ גרעסערן אויטאָביאָגראַפישן מאמר זאָגט יצחק באַשעוויס:

„מיין ברודער י. י. זינגער האָט זיך ווי עס איז געקלאָמערט אין דער האָפענונג, אַז שכל וועט זיגן, שפּעטער באַחרית הימים. אָבער איך האָב געוווּסט, אַז דער גלויבן אין שכל איז פונקט אַזאַ עבודה זרה ווי גלויבן אין אַ ליימענעם געץ". עס הייסט, נישט דער שכל און לאָגיק דעטערמינירן דעם מענטשלעכן גורל, נאָר אומבאַוווּסטע, גרויזאַמע און איראַציאָנעלע קרעפטן, וואָס האַלטן אין מורא דעם מענטשן.

אַ מורא וואָס שטאַמט פון די פריסטע קינדער־יאָרן, ווען די עלטערן האָבן דערציילט וועגן שדים, רוחות און מתים, כדי צו באַווייזן די קינדער, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און

אַ השארית־הנפש אויף יענער וועלט. „דערפון, זאָגט דער מחבר, האָב איך געליטן פון שרעקלעכע חלומות און אפילו פון האַלו־ ציגאַציעס".

אומפאַרגעסלעכע שפּורן אויף די קינדער האָט אויך איבער־ געלאָזט דאָס פאַמיליען־לעבן פון די עלטערן. ס'איז געווען אַ קרומער שידוך, אַ „נישט צוגעפּאַסטע פּאָר", זאָגט י. י. זינגער, אין זיין „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער". דער פאָטער איז געווען ווייבלעך און צאַרט און די מוטער — אַ יידענע מיט אַ מאַנסבילשן קאָפּ. זי האָט נישט געקאָנט מוחל זיין איר מאַן זיין קינדישן בטחון און זיין נישט האָבן קיין עול־פּרנסה: „אונדזער שטוב איז געווען אַן אומעטיקע, און איך האָב דעריבער פון קינדווייז אָן נישט ליב געהאָט די היים, נאָר די גאַס. שולדיק אין דעם אומעט אין הויז איז געווען... דער נישט צוגעפּאַסטער זיווג צווישן טאַטע־מאַמע... ווי די מערסטע פאַרפעלקער אין לומדישע הייזער, גיט צו זינגער, האָבן זיך מאַן און ווייב, ביים בעסטן לעבן, ווייניק וואָס אָנגעהערט".

און כאָטש צרות רבים איז חצי נחמה, איז די האַלבע צרה אַליין געווען גענוג אויף צו לייגן איר שאָטן אויפן לעבן פון די קינדער און שפּעטער אויך צו פאַרפינצטערן דעם גורל פון זייערע ליטעראַ־ רישע פּערסאָנאַזשן. אַ טראַגישער טאָן באַהערשט די קינסטלערישע שאַפונג פון ביידע ברידער און זייערע העלדן זענען פון „קינדווייז אָן" פאַרמשפּעט אויף „קרומע" וועגן און אומזיסטע ליידן.

אין „די פאַמיליע מושקאַט", ווי געזאָגט, איז יעדער זיווג, ווי אויף צו להכעיס, עפּעס אַ „נישט צוגעפּאַסטע פּאָר". דער גורל פון מושקאַטס געליבט אייניקל איז אין דעם פאַל כאַראַקטעריסטיש. פאַר הדסהן האָט דער גוטער יידעשי, ר' משולם, באַשטימט, ווי זיין שטייגער איז, אַ רייכן נדן און אַ גוטן חתן, עפּעס אַ פישעלע פון אַ גאָר יחוסדיקער חסידישער משפחה, ווי עס פּאַסט פאַר די מושקאַטס. אויף זיך צו ראַטעווען פון דעם גליק, וואָס די פאַמיליע האָט איר צוגעגרייט, אַנטלויפט דאָס מיידל מיט איר אויסדער־ וויילטן. מיטן אָרעמען ישיבה־בחור, עוזר־העשל, קיין אויסלאַנד. אָבער ביים גנבענען די גרענעץ כאַפּט מען זי און מען ברענגט זי מיטן עטאַפּ צוריק צו די עלטערן. עוזר־העשל באַווייזט זיך יאָ דורכצורייסן קיין אויסלאַנד; אָבער, מעשה שטן, האָט ער פאַרגעסן

דעם אַדרעס, און דאָס מיידל באַקומט פון אים לאַנג קיין בריוול נישט. אַ פאַרצווייפלטע באַשטימט זי חתונה צו האָבן מיט דעם פישעלע: „דערזעענדיק, זאָגט זי, אַז דער וועג צו גליק איז פאַר־צוימט אויף אייביק, האָב איך אויסגעקליבן דאָס פאַרקערטע. איך האָב פון קינדווייז אָן געוווּסט, אַז אין דער לעצטער מינוט וועל איך מיך אויסגליטשן"...

און עפּעס ענלעכס האָט פּאַסירט מיט עוזר־העשלען. דער־הערט, אַז זיין מיידל איז מיט מזל געוואָרן אַ כלה פאַר אַן אַנדערן איז ער נישט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד חלילה, אַ ישיבה־בחור, מעג זיין אַ געוועזענער, וועט זיך נישט מאבד עצמו לדעת זיין; האָט ער געטאָן עפּעס ערגערס, ער האָט זיך געלאָזט חתונה מאַכן מיט אַ פרוי, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן. „פון קינדווייז אָן איז מיר אַלץ אַרויסגעקומען קאַפּויער", האָט ער זיך באַקלאָגט. די ידיעה אַז הדסה גייט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן האָט עס באַשטעטיקט, „האָב איך געוואָלט אומברענגען די האָפענונג".

דער אמת איז, אַז ביי די מענטשן האָט „פון קינדווייז אָן" זיך נישט אָפּגעטאָן די מורא פאַרן לעבן. באַהערשט דורך אַ געפיל פון **אַנגסט**, וואָס וואָרצלט אין די קינדער־יאָרן, ברעכן זיי זיך איין אונטערן ערשטן קלאַפּ פון דער ווירקלעכקייט, פאַרלירן דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט, און רעזיגנירן פון קאַמף און ווידערשטאַנד. אַז עס לאָזט זיך נישט גיין מיטן גלייכן וועג, טוען זיי כסדר „דאָס פאַרקערטע" און פאַרנעמען זיך מיטן קרומען. אַז נישט כולו זכאי, איז זאָל זיין כולו חייב. ס'איז אַן אַקט פון פאַרצווייפלונג, פון היסטערישן אויסברוך, וואָס איז אויסן צו באַשטראָפן זיך אַליין; ווייל אין תוך גענומען ליידן זיי פון אַ שטאַרקן שולד־געפיל: „מיינע עלטערן זענען נישט שולדיק אין דעם וואָס עס האָט פּאַסירט, זאָגט הדסה, ס'איז אַלץ מיין שולד" און עוזר־העשל וויל אַפילו „אומברענגען די האָפענונג" אויף גליק.

אָט דער פאַטאַליזם, וואָס הענגט פון קינדווייז אָן איבערן מענטשלעכן קאָפּ ווי אַ שטומע וואָרענונג, אַז ער וועט אין דער לעצטער מינוט „זיך אויסגליטשן", איז ווילד־פרעמד דעם ייִדישן גייסט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון צוטרוי צו מענטשן און פון אַ גרענעצלאָזער ליבע צום לעבן. די טראַגישע דערקענ־

טעניש אַז דער מענטשלעכער גורל איז לכתחילה צונויפגעפּאַרט „קרום" און ווי פון פאַרויס באַשטימט דורכן שוואַרץ־באַפליגלטן גאָט פון אויבן, איז אַ געוויקס וואָס שטאַמט פון אַ פרעמדן גאָרטן. די גריכיש־קריסטלעכע וועלט נעמט גערן אָן אַזאַ פּאַטאַליסטישע אָנשויונג, אַז אַלץ איז פּרעדאָמינירט דורך אַ העכערער קראַפט און באַפרייט דעם מענטשן פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע קרומקייטן אין לעבן.

פּאַרן ייִדישן לייענער איז באַשעוויס אַ גרויסער מייסטער פון ייִדישן וואָרט, און היינט צו טאָג איינער פון די בעסטע דערציילערס און פּראָזע־קינסטלערס, אָבער דער פרעמדער פּאַטאַליסטיש־פּעסי־מיסטישער טאָן אין זיין שאַפן, קלינגט ווי אַ דיסאָנאַנס פאַרן ייִדישן אויער און לאָזט איבער אַ פיינלעך געפיל אין האַרצן. דער גרויסער וואָרט־מייסטער האָט זיך נאָך נישט באַפרייט פון קינדישן „שוידער", מורא און אומצוטרוי צו מענטשן, און האָט דעריבער מער אויג און האַרץ פאַר דער קרום־לינקער זייט פון לעבן...

דער קינסטלער ברענגט צום אויסדרוק אין זיינע ווערק נישט נאָר זיין אַרומיקע „וועלט", נאָר דער עיקר זיין אייגענעם „איך", אַזוי אין די אויסערלעכע שטריכן ווי אויך אין זיינע פאַרבאָרגנסטע טענדענצן. דער מענטש אַנטפּלעקט זיך אין זיינע מעשים, און דער מחבר פאַרקערפּערט זיך אין זיין יצירה און קומט צום אויסדרוק אין זיינע ליטעראַרישע „געשטאַלטן". שלום עליכם האָט עס קלאָר אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו אַ פריינד: „זאָגט וואָס איר ווילט, שרייבט ער, קיין שונאים האָב איך נישט, ווייל איך בין אַליין קיינעם קיין שונא נישט. ווייל טביה איז אַ בעל־בטחון און ווייל מנחם־מענדל גלייבט דער גאַנצער וועלט". עס הייסט, אַז טביה און מנחם־מענדל, און מאָטל, און סטעמפּעניו, און די אַלע אַנדערע שלום עליכמס קאַסרילעווקער און יעהופּעצער העלדן, זענען גע־זעצלעכע קינדער פון זייער גייסטיקן פאָטער, און טראָגן אויף זיך דעם חותם פון זייער שעפער.

# מאָדיליאַני־טיפּן

אין דער רייכער טיפּן־גאַלעריע פון באַשעוויסעס פּערסאָנאַזשן, טרעפן מיר געוויסע כאַראַקטעריסטישע קענצייכנס, וואָס לייגן זייער שטעמפּל אויף זיינע העלדן, ווי דאָס זאָלן זיין אמתע **אויטאָ־פּאָרטרעטן**. און אַזוי אין זייער אויסערלעכן אויסזען ווי אין זייער אינערלעכן וועזן.

מיט אייניקע פון זיינע ליטעראַרישע אימאַזשן אידענטיפיצירט זיך דער מחבר; דערשיינען זיי ביי אים ווי עכטע **מאָדיליאַני־טיפּן**. דער גרויסער ייִדיש־איטאַליענישער מאָלער, דער טובערקולאָז־קראַנקער מאָדיליאַני, האָט פּאַראייביקט אין זיינע פיגורן מיט די לאַנגע העלדזער, אויסגעצויגענע פּנימער און הויכע שטערנס, די כאַראַקטעריסטישע טיפּן פון פּאַרטרויערטע מעלאַנכאָליקער, אַריינגעטראַכטע אין זיך, דערווייטערטע פון דער וועלט און פון מענטשן.

אַזוי שטעלט פאָר באַשעוויס עוזר־העשלען, דעם הויפּט־העלד פון דער „פאַמיליע מושקאַט", צו וועלכן דער מחבר איז אַזוי שטאַרק ענלעך: „אַ הויכער, אַ שמאָלער, מיט אַ לענגלעך ווייס פּנים, מיט אַ הויכן שטערן, וואָס האָט שוין באַצייטנס געהאַט צוויי טיפע מחשבה־ווינקלען, מיט שאַרפע בלויע אויגן, אַ הויקערדיקע נאָז, דינע ליפּן און אַ שפּיציקע קין".

און הדסה, ניוניעס טאָכטער, „אַ פּאָעטישע נשמה — דורך וועלכער דער מחבר ברענגט צום אויסדרוק זיינע לירישע סענטימענטן, — איז הויך, שמאָל, מיט גאָלדענע האָר... דער האַלדז — לאַנג, דער שטערן — הויך, בלווילעך אין די שלייפן"...

די רעליגיעזע געשטאַלטן, וואָס דערמאָנען דעם פּאָטער און צו וועלכן דער מחבר האָט אַ געפיל פון פאַרערונג, האָבן אין

גרעסטן טייל נישט קיין פיזישן „פנים"; ער ווייזט זיי נישט אין זייער אויסערלעכן אויסזען, נאָר אין זייער גייסטיקן וועזן.

און אויך אויפן **גייסטיקן** פּרצוף פון זיין ליטעראַרישן פּער־סאָנאַזש האָט באַשעוויס געלייגט זיין כאַראַקטעריסטישן צייכן. זיינע העלדן האָבן זיך נישט **רעאַליזירט**, געבליבן שטעקן אין מיטן וועג, צום לעבנס־ציל נישט דערפאָרן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין כוח און קיין מוט צו ווערן דאָס, וואָס זיי האָבן באַגערט און געקאָנט זיין. דרייען זיי זיך ווי אין אַ פוסטקייט, אַרום זיך, איינגע־הילט אין אַ נעפּל, אומצופרידן.

עפּעס אַ שטריך פון קינדישקייט איז געבליבן שטעקן אין אַ גרויסן טייל פון זיינע מענטשן. איינער פון ר' משולמס בנים איז געשלאָפן אויף אַ קישעלע, וואָס ער האָט נאָך געהאַט פון די קינדער־יאָרן און מיט וועלכער ער האָט זיך קיין מאָל נישט געשיידט, נישט אין וואָרשע און נישט אונטערוועגנס.

עוזר־העשל, אַ ישיבה־בחור וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט חיצונים, האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין די טראַדיציאָנעלע יידישע ווערטן און צום סוף אָנגענומען ספּינאָזאַן פאַר זיין מורה־דרך. אָבער דער בחור גייט נישט אַרויס פון זיין קליינשטעטלדיקן אידעיִש־באַגרענעצטן וועלטל. מיט ספּינאָזאַן אין קעשענע **שטרעבט ער נישט פאָרויס** און בלייבט גייסטיק טויב פאַרן שטורעם פון דער צייט און בלינד פאַר די נייע שטרעמונגען, וואָס האָבן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אויפגעטרייסלט דאָס יידישע לעבן. דרייט ער זיך אַרום זיך און קומט צוריק צום אויסגאַנגס־פּונקט, טראַכטנדיק אַ פאַרצווייפלטער און פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ בית־מדרש; „דאָס איז מיין אמתע היים"... און אַרויסגייענדיק פון דער „אמתער היים" וועט ער דעם אומקרייז אָנהויבן פון אָנהייב...

דאָס זענען בילדער פון זיינע ערשטלינג־ווערק. פאַר דער צייט האָט באַשעוויס אַ סך געשאַפן, אָבער אין פאַרלויף פון די יאָרן האָבן זיך נישט געענדערט זיינע עיקרדיקע כאַראַקטער־שטריכן און אויך נישט די נאַטור פון זיינע ליטעראַרישע העלדן.

אָט איז באַשעוויסעס אַ פיל שפּעטערדיקע דערציילונג אין וועלכער ער שילדערט דאָס לעבן פון אַ דערפאָלגרייכן מעדיקער, וואָס איז אָנגעזען אין דער פּראָפעסיע און אויך חשוב ביי לייט.

ער האָט אַ געטרייַע פרוי, איז נישט מיאוס, און לויט באַשעוויסעס נוסח „האָט ער אויך מזל ביי פרויען״... איז וואָס נאָך קאָן פאַרלאַנגען אַ קליינשטעטלדיקער בחור, אַ זון פון אַן אָרעמען מלמד? — פרעגט דער מחבר און ער אַליין ענטפערט: „טיף אין זיך האָט סאַלאָמאָן מאַרגאָלין אַלע מאָל געהאַלטן, אַז ער איז דורכגעפאַלן אין לעבן״. — פאַר וואָס? — ווייל ער האָט פאַרמאָגט אויסעראָרדנטלעכע פעִקייטן. אַלע האָבן פאַרויסגעזאָגט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גאון, אָבער ער האָט צעטרענצלט זיין איינגעבוירענעם טאַלאַנט, פאַרלאָרן יאָרן אין לערנען שפראַכן, אין וואַנדערן, אין ווייבער, אין בייטן פאַקולטעטן. „אין דער איינציקער גרויסער ליבע זיינער האָט אים אויך נישט אָפגעגליקט, זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן״... דער העלד איז געקנאָטן פונעם זעלבן טייג ווי זיינע פערסאָנאַזשן פון די אַלע פאָריקע יאָרן.

באַשעוויסעס ליטעראַרישע טיפּן טראָגן אויף זיך אַ שווערן האָרב פון אימפּאָטענץ און שולד־געפיל. זיי קאָנען פון זיך די פלעקן פון חטאת־נעורים נישט אָפוואַשן. אמת, עס פאַלט אויף זיי אַ שיין פון יִדישן געוויסן און פאָדערט דין־וחשבון. **באַקומען זיי אַ מענטש־לעבן פּרצוף אין פייער פון חשבון הנפש און גייסטיקע ליידן,** אָבער עס קומט נישט צו קיין מעשים. זיי נעמען אויף זייער גורל פאַסיוו: עס פעלט זיי כאַראַקטער, מעגלעכקייט און זעלבשטענדיקייט. זיי רעגירן נישט איבער זייער לעבן, נאָר שלעפּן דעם וואָגן מיטן כוח פון אינערציע, געטריבן דורך די ריטער פון בלינדן גורל, אָדער גאָר דורך די לאַפּיטוטן פון שטן. אַן אומהיימלעכע אַטמאָספער הערשט אין באַשעוויסעס וועלט און אַ פאַטאַלער צייכן הענגט איבערן קאָפּ פון זיינע העלדן.

# באַשעוויס און ש״י עגנון

אָבער ווי ביי אַן עכטן קינסטלער וואָס איז אויף זיין אופן אמתדיק און טריי דערווירקלעכקייט, און וואָס טראָגט אין זיך די ירושה פון זיין טאַטנס „בית־דין שטוב״, טרעפן מיר אין זיין שאַפן אויך בילדער אויף וועלכע עס שיינט עכט ייִדישער חן. דורך זיין איראָניע רייסט זיך דורך די נשמה־שיינקייט פון ייִדישן מענטשן. אַזאַ איז דער העלד פון ראָמאַן „דער קנעכט״ ווו דעם טאַטנס ירושה איז גובר דעם שטן.

אויך פאַר שמואל יוסף עגנון איז דאָס לעבן אַ „מעוות״ — אַ קרומקייט — אָבער ביי אים דאַרף דער מענטש די קרומקייט אויס־גלייכן מיט זיינע אייגענע כוחות. די טרייבקראַפט פון עגנונס שאַפונג־פּראָצעס איז אינספּירירט אין דער ראָמאַנטיש־קאַבאַליסטישער אידעע פון תיקון־הנפש.

ש. עגנון, דער ערשטער נאָבעל־לאַורעאַט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, זאָגט אַז דער וועג וואָס פירט צו „תיקון״ זענען מעשים־טובים, לעבן נישט פאַר זיך נאָר פאַר אַן אידעאַל, פאַרן צווייטן, פאַר גייסטיקער דערהויבונג. דאָס איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער ייִדישער וועלט־אָנשויונג. אין זיין יוגנט־נאָוועלע „והיה העקוב למישור״ — דאָס קרומע וועט אויסגעגלייכט ווערן — איז מנשה חיים, דער העלד פון דער נאָוועלע, מקריב זיין לעבן פאַרן גליק פון זיין געוועזענער פרוי, ווייל ער אַליין האָט איר קיין גליק און קיין קינד נישט געקאָנט געבן. עגנון גיט ווי אַ מאָטאָ צו דעם ווערק אַ מאמר חז״ל, וואָס זאָגט: „ווען אַ מענטש גייט אַראָפּ פון דרך־הישר, ווערט אַ פּגם ביי ייִדן; דאַרף ער אויסקויפן די זינד דורך יסורים״ ...מנשה חיים שטאַרבט מיט א לייטזעליקן געפיל, אַז ער האָט מיט זיין טויט מתקן געווען דעם פּגם פון זיין לעבן.

אין „הכנסת כלה" זאָגט עגנון, אַז ר' יודל חסיד — דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג — האָט באַשיצט זיין נשמה מיט מעשים טובים, „און האָט גאָרנישט געשפּירט אַפילו, אַז עס זענען פאַראַן יסורים אויף דער וועלט". און „סיפּור פּשוט" איז אַ געשיכטע פון אַ „קרומקייט" וואָס איז נישט אויסגעגלייכט געוואָרן. דער העלד פון דער נאָוועלע האָט געירשנט אַ פּגם פון זיידן; אָבער ער געפינט אין זיך נישט קיין גייסטיקן כוח און קיין ווילן די קרומקייט אויסצוגלייכן. אַ מענטש אָן געוויסן און כאַראַקטער לאָזט ער איבער זיין אָרעמע כלה, און לאָזט זיך חתונה מאַכן מיט אַ רייכער — איז פון דעם זיווג געבוירן געוואָרן אַ קריפּל. ס'איז נישט געווען קיין קינד פון ליבע, נאָר פון פאָרונג, און עגנון לאָזט אונדז הערן, אַז אַ „לעבן אָן מעשים טובים — איז אַ שווער לעבן"...

די טרייב־קראַפט פון עגנונס שאַפונגס־פּראָצעס, ווי געזאָגט, איז אינספּירירט אין דער ראָמאַנטיש־קאַבאַליסטישער אידעע פון תיקון־הנפש, פון שטרעבונג צו גייסטיקער שלימות, וואָס אינטעגרירט אין ליבשאַפט דעם יחיד אין די אָרעמס פון כלל, און פאַרבינדט אים אין טריישאַפט צו גאָט, און אין פריינדשאַפט מיט מענטשן. באַשעוויס, דאַקעגן, שילדערט דעם מענטשן אין רעאַליסטישע פאַרבן, און שטעלט זיך נישט קיין שום אידעאַליסטיש־ראָמאַנטישע אויפגאַבן. אָבער אין זיין אומברחמנותדיק נאַטוראַליסטישן בילד פון לעבן איז פאַרבאָרגן די אייביקע בענקשאַפט פון יידישן מענטשן צו תיקון...

# נישט דער שפּיגל איז קרום —
# דאָס לעבן איז נישט גלייך

יצחק באַשעוויס באַציט זיך איראָניש צום גרעסטן טייל פון זיינע העלדן. אַ געפּיל הינטער ווערלכן עס באַהאַלט זיך אַ סקעפּטישע באַציונג צו מענטשן, געשטאַלטיקט ער אָפּט אויס מיטן כוח פון דער איראָניע גראָטעסקע פיגורן, וואָס זייער אויסערלעכער אויסזען קומט ווי אַ לאָגישער אויסדרוק פון זייער גאַנצן אינערלעכן וועזן. דער מחבר באַציט זיך מיט קוים איינגעהאַלטענעם ביטול צו אַ גרויסן טייל פון זיינע פּערסאָנאַזשן און דערציילט מיט אַן איראָנישן שמייכל, וואָס גייט אָפּט איבער אין חוזק, וועגן זייערע השגות און באַגערן. און אַזוי, אָנהויבנדיק פון „שטן פון גאָריי", איבער די בני מושקאַט מיט די „שפּיציקע בייכער ווי ביי מעוברתע ייִדענעס", ביז דעם נייעסטן מיניאַטורל „דער האָטעל", ווו אַ „פּיצעלע מענטשעלע מיט אַ קנויל אָפּבלאָקירטע האָר אויפן האַרץ־ברעטל" באַקענט זיך מיט אַ צווייטן, וואָס איז נישט העכער פון אים, נאָר דיק, ברייט, „מיט פינגער ווי דיקע ווורשטלעך".

די צוויי זענען גרויסע ניו־יאָרקער ביזנעסלייט, וואָס האָבן געמוזט ליקווידירן די געשעפטן און זיך באַזעצן ביים ים אין מיאַמי ביטש, ווייל זיי האָבן קראַנקע הערצער און פּאַכען מיט דער נשמה, אָט, אָט... זיי טאָרן נישט און דאַרפן זיך נישט פאַרדרייען מיט נייע געשעפטן, זיי ווייסן עס זייער גוט, און דאָך פאַרנעמען זיי זיך אויף אַ נייער און גרויסער אונטערנעמונג — קויפן אַ האָטעל, ווייל זיי האָבן נישט מיט וואָס אויסצופילן זייער פּוסט־און־פּאַסנעם לעבן. און דער מחבר פאַרענדיקט מיט אַ לייכטן איראָנישן שמייכל: „ביידע מענטשעלעך האָבן זיך געלאָזט אַרויפגיין מיט די טרעפּ צו דעם פּערצן־שטאָקיקן האָטעל"...

עס זעט אויס רחמנא לצלן, ווי אַ לץ זאָל מזווג זיין און פאַרדרייען

די השגות פון מענטשן, ער זאָל טאָן קאַפּויער ווי עס דיקטירט אים זיין גראָדער שכל און די וויטאַלע אינטערעסן. און מען טאָר נישט מאַכן דעם לייכטן אויספיר, אַז באַשעוויס ווייזט דאָס לעבן אין אַ קרומען שפּיגל; חלילה, **נישט דער שפּיגל איז קרום, נאָר דאָס לעבן איז נישט גלייך, נישט גלאַט און נישט לייכט...**

און אָט די שוועריקייטן פון לעבן און די שוואַכקייט פון מענטשן זעט זייער גוט באַשעוויס. אַזאַ לעבנס־בילד האָט ער זיך אין אַ גרויסער מאָס פאַרמירט אין שטוב פון די עלטערן. דער פאָטער, אַ מורה הוראה און רעליגיעז־עטישער מענטש, איז פאַרבליבן די ווייטע און אידעאַלע געשטאַלט, וועלכע ער האָט פאַרקערפּערט אין ר׳ בינוש אשכנזי; ר׳ דן קאַצענעלבויגן, דער ביאַלאַדרעוונער רבי, געהערט צו דער גייסטיקער וועלט, צו וועלכער ער טרוימט זיך צוריקקערן.

אַ טרוים וועלכער פאַרפליכט נישט צו מעשים...

די מוטער, זאָגט באַשעוויס אין זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק, איז געווען „קלוג, פרום און געהאַט אַ דורשט צום לערנען, צו קוקן אין ספרים... זי איז געווען דין, קרענקלעך, האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צום עסן און געליטן פון אַלערליי נערוועזע ווייטיקן און שטעכענישן".

אַ פרוי אַ מלומדת, וועלכע איז אויך געווען באַקאַנט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, האָט זי געהאַט אַ מער ראַציאָנעלן קוק אויפן לעבן, אַ רעאַל־פּראַגמאַטישע באַציונג צו זאַכן, און אויך אַ גרעסערע השפּעה אויפן צאַרטפולן זון, וואָס האָט געליטן פאַרשידענע פחדים און קראַנקייטן אין די פריע קינדער־יאָרן, און ביי וועלכן די פּרימיטיוו קינדישע מורא האָט מיט דער צייט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שכלדיק־ראַציאָנעלן סקעפּטיציזם, אין אַ שווער געמיט, אין חשד און אומגלויבן צו מענטשן...

אין דער אויבן־דערמאָנטער קליינער דערציילונג, האָבן די „ביידע מענטשעלעך" קיין אַנדערע אינטערעסן נישט ווי נאָר ביזנעס. דאָס איז די לופט מיט וועלכער זיי האָבן געאָטעמט. וואָלטן זיי אויסער ביזנעס אויך געהאַט אינטערעסן סאָציאַלע, געזעלשאַפטלעכע, קינסט־לערישע, אָדער וועלכע נישט איז אַנדערע, וואָלטן זיי שוין געפונען מיט וואָס אויסצופילן דעם רעשט פון זייער קראַנק לעבן. אָבער ווי

זאָגט ישראל דאַנציגער, איינער פון די צוויי „מענטשעלער" — „היינטיקע צייטן קאָן מען קיין צדקה נישט געבן. פאַר וואָס פאַר אַ צוועק איר זאָלט נישט געבן, ווערט דאָס געלט אויפגעגעסן פון די סעקרעטאַרינס, פאָנד־זאַמלער, פּאָליטיקער..."

פאַר קינסטלערישע אינטערעסן פעלט דעם „מענטשעלע" קולטור און צו געזעלשאַפטלעכע — פאַרצווימט אים דעם וועג זיין סקעפּטי־ציזם, זיין מיזאַנטראָפּיע און אומצוטרוי צו מענטשן...

# זינד און תשובה

אַ געוועזענער בוענאָס־איירעסער פּרויען־הענדלער האָט חתונה מיט אַ באַלעבאַטיש מיידל, און האָט זיך אָפּגעלאָזן פון זיין אַלטער פּרנסה. זיי האָבן געהאַט אַ זון, זייער אַ געראָטן קינד, צו וועלכן די עלטערן זענען געווען שטאַרק צוגעבונדן, איז דאָס יינגל אין אַן אַקצידענט אומגעקומען. האָט עס צוזאַמענגעבראָכן זיין פרוי, וועלכע איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער דעפּרעסיע. אָן אַ פרוי און אָן אַ קינד, האָט דאָס געווירקט אויף אים ווי אַ שאָק, וואָס האָט פּאַראַלי־זירט זיינע געפילן און זיין גאַנץ וועזן. ער איז געוואָרן אויס מענטש און אויס מאַן. דאָס לעבן האָט פאַר אים פאַרלאָרן יעדן רייץ, ווייל קיין שום אַנדערע אינטערעסן — גייסטיקע אָדער געזעלשאַפטלעכע — האָבן אים נישט פאַרבונדן מיט מענטשן; ער האָט נישט געפילט קיין טעם, האָט נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש און צוגרייטונג פאַר אַזעלכע „פּוסטע" זאַכן, ווי ער האָט דאָס גערופן.

איז ער אַוועקגעפאָרן אויף אַ „לוסטרייזע" אין דער אַלטער היים, זיך צו דערמאָנען ווי ער האָט אַמאָל „געברענט אַ וועלט" אין די יונגע יאָרן. און ווער עס האָט געלייענט דעם ראָמאַן אונטערן נאָמען „שוים" דאַרף געדענקען ווי באַראַבאַנדער האָט פאַנטאַזירט אַז רייזל קאַרק וועט אים שאַפן אַ מין האַרעם, יעדן טאָג וועט זי אים צוטראָגן „אַ פרישע שטיקעלע סחורה", וועט ער אפשר באַקומען אַפּעטיט, ווי יענער מאָגן־קראַנקער, וואָס זוכט יעדעס מאָל עפּעס אַ נייַ מאכל, וואָס זאָל דערוועקן דעם אַפּעטיט צום עסן.

אין וואַרשע האָט ער געפונען וועמען ער האָט געדאַרפט, און האָט אָנגעהויבן אַריינגיין צו עפּעס אַ ווינקל־רב פון דער געגנט, און האָט דאָרט זיך אָנגעהויבן צו שדכנען צו זיין 18־יאָריקער טאָכטער. האָט זיי געבראַכט רייכע מתנות און איז געוואָרן אַ חתן.

איין מאָל איז ער געזעסן אין אַ קאַפעטעריע, האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען מענער, פרויען, אַלטע, יונגע, וואָס זענען געזעסן ביי די טישלעך און עס האָט אים אויסגעזען, אַז אַ מין גיריקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע פּנימער און אַ פאַרזאָרגטקייט, פּונקט ווי יעדער איינער פון זיי זאָל האָבן געמאַכט עפּעס אַ פעלער און ווייסט נישט ווי אים צו פאַרריכטן. „וויפל זיי פאַרמאָגן ווילן זיי מער, האָט מאַקס געטראַכט, האָבן זיי הונדערט טויזנט דאָלאַר, ווילן זיי אַ מיליאָן. האָבן זיי איין נקבה, ווילן זיי דריי... איך בין אַנדערש? ווען מיין זון האָט געלעבט און ראַשעל איז צו מיר געווען אַ גוטע וואָב, האָב איך מיך אַרומגעשלעפּט מיט גאַסן־פרויען. איצט, אַז איך האָב גאָרנישט, וויל יאַך אַראָפּפירן דעם טייערן יידנס אַ טאָכטער... קיינמאָל נישט! קיינמאָל אין דער וועלט נישט!... האָט מאַקס שיער נישט אַ געשריי געטאָן. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ פּויסט אויפן טיש — בעסער פּגרן!...”

באַשעוויסעס העלדן מעגן זיי זיין פּראָסט און אומגעבילדעט — האָבן זיי אַ רייך אינערלעך לעבן. זיי פירן אַ דיאַלאָג מיט זיך און מיט דער וועלט. זיי פילאָסאָפירן, זיי עפענען דאָס אייגענע האַרץ און דער לייענער ווערט מיטגעריסן, ווערט אַ שותּף צו די ליידן פון מענטש, און ווערט אַריינגעצויגן אין דער דראַמע פון לעבן. אין דעם איז די גרויסע קינסטלערישע קראַפט פון באַשעוויסן, און דער אומפאַרגלייכבאַרער צויבער פון זיין שרייבן, וואָס האָט באַגייסטערטע לייענער און פאַרערער אין אַלע מענטשלעכע שפּראַכן, און וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין היכל פון דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור.

דער ראָמאַן „שוים” האָט אַ דערשיטערנדיקן סוף, וואָס קומט ווי אַ לאָגישער רעזולטאַט פון דער גאַנצער האַנדלונג, און וועלכן נאָר אַזאַ גרויסער יִדישער קינסטלער ווי באַשעוויס האָט געקאָנט שאַפן. באַראַבאַנדער דערשיסט — נישט ווילנדיק! — זיין געליבטע, רייזל קאַרק, און ער טראַכט גאָרנישט זיך צו ראַטעווען און זיך צו פאַרטיידיקן... ער נעמט אָן דעם אומגליק מיט אַ מין פאַטאַליסטישער רעזיגנאַציע, ווי אַ שטראָף פון גאָט, ווי אַ קללה פון „טייערן יידן”, ווי אַן אויסלייזונג פון אַ זינדיקן לעבן...

רייזל קאַרק איז אַריין אין צימער פון זיין האָטעל, און אים שטורמיש אַרומגענומען. האָט דער רעוואָלווער, וועלכן ער האָט

שטענדיק געטראָגן אויף אַ פּאַס אונטער דעם אויבערהעמד, אויס־געשאָסן. עס איז געבליבן אַ סימן: אַ לאָך פון דער קויל אין דעם העמד און אין דעם רעקל, וואָס וואָלט אים געקאָנט ראַטעווען דאָס לעבן. אָבער באַראַבאַנדער האָט נישט געזוכט און נישט געוואָלט קיין רעטונג. דער ייִדישער געוויסן האָט דערוועקט אַ שאַרפן שולד־געפיל אין האַרצן פון דעם געוועזענעם בוענאָס־איירעסער „רופיאַן", און ער האָט רעזיגנירט פאַר זיין ביטערן גורל. ער האָט אומבאַוווסט־זיניק געזוכט די שטראָף אויף זיך צו ראַטעווען פון דער אַנגסט־שטימונג. ער האָט זיך אַליין באַשטראָפט פאַר זיינע מיאוסע מעשים, אָדער רעדנדיק מיט ש. י. עגנונס טערמינען: ער האָט מיט זיין טויט מתקן געווען דעם פּגם פון זיין אומווירדיק געלעבט לעבן. ער האָט אויף זיין אופן, תשובה געטאָן.

באַשעוויס אידעאַליזירט נישט זיינע העלדן! די פרומע ירושה, וועלכע ער האָט איינגעזאַפּט אין שטוב פון זיין טאַטן, האָט געפאָדערט ער זאָל באַשטראָפן די אַלע, וועלכע האָבן נישט געפונען די וועגן צו אַ געזונט און מענטשלעך־מאָראַליש לעבן. ער האָט זיי פאַרמשפּעט, ווי עס האָט זיי פאַרמשפּעט די נאַטור, און ווי עס פאַרמשפּעט זיי די געזעלשאַפט. די שטראָף קומט אָבער נישט פון אויבן, פון גאָט, נאָר שטראָמט אַרויס פון זייער אייגענעם האַרצן. דאָס איז די ייִדישע תשובה.

עס וועט אפשר קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס ווען איך וועל זאָגן, אַז יצחק באַשעוויס, דער אוממאָראַלישער מענטש, ווי אייניקע נאַיווע לייט זאָגן, איז אין גרונט גענומען אַ מאָראַלישער שרייבער: ער ווייזט ווי שלעכט עס ענדיקן די אַלע, וועלכע באַווייזן נישט אויסצו־גלייכן די געירשנטע, אָדער דערוואָרבענע קרומקייטן פון זייער אייגענעם לעבן.

# דער פֿאַרכישופֿטער קרייז פֿון שרייבער

יעדער שרייבער ברענגט אויף דער וועלט זיין קינסטלערישע משפּחה, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פֿון דעם שעפֿער, און אין יעדן ליטעראַרישן העלד דערקענען מיר אַזאַ אָדער אַנדער כאַראַק־טעריסטישן גרונטשטריך פֿון זיין גייסטיקן פֿאָטער. שוין אין זיין ערשטן ווערק לאָזט דער דיכטער הערן זיין אייגנטלעכן ניגון, וועלכן ער וועט אין די פֿאַרשידנסטע אָרקעסטראַציעס זינגען אַ גאַנצן לעבן.

שלום אַש האָט אָנגעהויבן מיט אַ קליינער דערציילונג וועגן צוויי אַלטע פֿרויען, אַ ייִדישע און אַ קריסטלעכע, וועלכע וווינען אין פֿריינדשאַפֿט אונטער איין דאַך, נאָר עס מישן זיך אַריין די געטער און שאַפֿן אין דעם שטיבל צוויי וועלטן. דעם מאָטיוו זינגט ער פּאַטעטיש אַרויס, ווי אַ מאַנונג צו דער וועלט, דורך אַלע זיינע שאַפֿונגען. די ערשטע העלדן פֿון „שטעטל" און פֿון דער טרילאָגיע טרעפֿן מיר אויך אין אַלע זיינע אַנדערע ווערק, ווו זיי דערשיינען אונטער דער מאַסקע פֿון די פֿאַרשידנסטע טיפּן, און טראָגן אין האַרצן דעם זעלבן ייִדיש־עטישן קערן.

וואָס שעפֿערישער עס איז די פֿאַנטאַזיע פֿון דיכטער און גרעסער זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, אַלץ רייכער איז זיין טעמאַטיק און פֿאַרביקער זיינע פּערסאָנאַזשן אין וועלכע ער פֿאַרקערפּערט די געשטאַלט פֿון זיין אייגן וועזן. אין דעם פֿאַרכישופֿטן קרייז פֿון זיין אייגענער וועלט קאָן דער קינסטלער ווייזן דעם צויבער פֿון אַלע וועלטן.

יצחק באַשעוויס האָט אָנגעהויבן מיט „דער שטן פֿון גאָריי" און „די פֿאַמיליע מושקאַט", און די סאַטאַנישע מאָטיוון, ווי אויך די מושקאַט־העלדן, באַגלייטן אים אויף אַלע קינסטלערישע וועגן. זיינע העלדן וואַרפֿן זיך אין די אָרעמס פֿון שטן, כדי צו פֿאַרגעסן זייער

בענקשאַפט צו גאָט. זיי זינדיקן, נישט ווייל זיי זענען פון דער נאַטור אויס געשטראָפט, נאָר זוכן אין דער באַרוישונג פון זינד צו פאַרטויבן דעם נאָגנדיקן באַגער צו אַ נאָרמאַל און ריין לעבן. זעען אויס די זינדיקע נישט ווי שולדיקע, נאָר ווי קראַנקע און אומגליקלעכע, וואָס זוכן אין עקסצענטרישע אַוואַנטורעס אַ קאָמפּענסאַציע פאַרן דורכפאַל, וואָס זאָל שטילן דעם דורשט און באַפרייען פון דער אַנגסט־שטימונג.

אַבראַם, וועלכער האָט מודה געווען, אַז ער מיט זיין פרוי פּאַסן זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ דאָן־זשואַן, וואָס ווייזט „מענערישע קונצן״; אָבער אַן אויפּריכטיקער ליבע, אַן געפיל, אַן פרייד און אַן גליק. מיט זיין געליבטער שפּילט ער אַן אומגליקלעכע ליבע. נישט איין מאָל האָבן זיי זיך שוין פונאַנדער־געשיידט „אָבער דאָס פּאָרל האָט יעדעס מאָל פון ס׳ניי זיך געפונען... נישט זיי האָבן געקאָנט בלייבן צוזאַמען, נישט זיך שיידן. ווען אידאַ פלעגט אים פאַרלאָזן, האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפונען, אַלע קראַנקייטן פלעגן זיך אָפּרופן, און ער פלעגט קלאַפּן דעפּעשן זי זאָל קומען אים ראַטעווען פון אונטערגאַנג. און ווען ער איז אַוועק פון חמאַן, זיין ווייב, האָט ער אָנגעהויבן בענקען נאָך די קינדער און האָט זיך אומגעקערט צו זיי״.

עפּעס איז אין יסוד פון זיין לעבנס־בנין לכתחילה איינגעשטעלט געוואָרן קרום און ער קאָן עס שוין אַ גאַנץ לעבן נישט גלייך מאַכן. טראָגט זיך אַ מענטש אַרום מיט אַן אומקלאָרער בענקשאַפט אין האַרצן, מיט אַ מרה־שחורה, וועלכע ער זוכט אומזיסט צו פאַרטרייבן מיט עראָטאָמאַנישע עקסצעסן. „די עראָטאָמאַניע, זאָגט ד״ר פ. וויטעלס, אַן אויטאָריטעט אין פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג, גייט אָפט געפּאָרט מיט לאַטענטער האָמאָסעקסואַליטעט, איז פאַר אַזאַ איינעם באַטייט אַ פרוי גאַנץ ווייניק אָדער גאָרנישט, און זיין שטורמישער געיעג נאָך פרויען איז נישט מער ווי אַ שלייער אויף אָפּצונאַרן די וועלט און דער עיקר — זיך גופא. אַזאַ דאָן־זשואַן־טיפּ באַגנוגנט זיך אָפט מיט אַ ראָמאַנטישער פאַרערונג, אָדער מיט אַ ציניש ער באַציונג צו פרויען״...

אין דער אויבנדערמאָנטער דערציילונג פון דער סעריע „טיפן און געשטאַלטן״ זעצט פאָר באַשעוויס זיין גורלדיקע טעמע און שיל־

דערט מיט לעבעדיקע פאַרבן די טראַגעדיע פון איינעם פון זיינע העלדן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע ליטעראַרישע פערסאָנאַזשן.

אין דעם גרעסטן טייל פון אָט די פּאָרטרעטן מאָלט באַשעוויס מיט אַ רייכער גאַמע פון קאָלירן, ער האָט אַן אויג פאַר דער סביבה און אַ געהער פאַר די פאַרבאַרגנסטע וויבראַציעס פון האַרצן. ער ווייזט דעם מענטשן מיט דער גאַנצער פּאַנאָראַמע אַרום און וויקלט־אויף, אַזוי שפּילעוודיק און לייכט, פאַר דער פאַרשטעלונג־קראַפט פון דעם פאַראינטריגירטן לייענער די מיסטעריע פון אַ מענטשלעך לעבן.

ס'איז נישט קיין נייע טעמע, נאָר אַ ווידערקול פון אַן אַלטן מאָטיוו, וועלכן מיר האָבן אין הונדערטער וואַריאַציעס געהערט אין באַשעוויסעס שאַפן.

דער העלד איז אַ יונגער־מאַן מיט אַלע מעלות, ער פאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן צו זיין גליקלעך, און דאָך איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן אַפּאַטיע, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ שאַרפער. אין איין שיינעם טאָג האָט אים פאַרלאָזט דאָס ווייב, נאָך דעם האָבן מיט אים איבערגעריסן די געליבטע, און אַנדערע האָט ער אַליין „חתונה געמאַכט און זיי געגעבן מתנות".

„און ער האָט מיר פאַרטרויט זיין סוד, דערציילט באַשעוויס, אַז אין גרונט איז ער נישט פאַראינטערעסירט אין קיין ווייבער. ער האָט ליב שיינקייט, אָבער אויף אַן אַבסטראַקטן שטייגער. אַ שיינע פרוי איז ווי אַ שיינע בלום, איך דאַרף זי נישט צודריקן צו זיך און צע־קוועטשן. מיך אַרט נישט ווען איך זע זי דורך אַ שויב־פענצטער... ער האָט געהאַט באַדערפענישן פאַר סעקס, אָבער אויף אַ מילדן שטייגער. ער האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם"...

און דער העלד, האָט אָנגעהויבן צאַנקען און צום סוף זיך אויס־געלאָשן. ער האָט זיך אָפּגעלאָזן, פאַרלאָרן דעם חשק צו ריידן, דעם אַפּעטיט צו עסן, דעם ווילן צו לעבן. עס האָט זיך אויסגעלאָשן די אינערלעכע ענערגיע, וואָס האָט דערהויבן דעם מוט און פאַרבונדן מיט מענטשן. דער באַוווּסטזיין, אַז ער קאָן נישט לעבן ווי אַלע אַנדערע, האָט אַראָפּגעשווענקט אַלע שוץ־באַריערן און ער האָט שנעל זיך אָנגעהויבן קייקלען „באַרג־אַראָפּ". האָט פאַרלאָרן די

זיכערקייט אין זיך און נישט געקאָנט מער אַרבעטן. ער האָט נאָר געוואָלט רוען, שלאָפן, און אין אַזאַ אָפּרו האָט ער געהאַט אַ האַלוצינאַציע פון זיין געשטאָרבענער מוטער...

די געשיכטע, זאָגט דער מחבר, האָט אַן „אויסטערלישן סוף״, דער העלד איז נישט אַוועק צו זיין געשטאָרבענער מוטער, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, נאָר איז געבליבן לעבן... אָבער, דאַרף מען צוגעבן: — ס׳איז געווען אַ לעבן פון חרטה, אויף די לייכטזיניק־געלעבטע יאָרן.

די לעצטע שאַפונגען העלפן אונדז אויך צו פאַרשטיין די „טיפן און געשטאַלטן״ פון באַשעוויסעס גרויסע נאָוועלן. אויך עוזר־העשל, דער הויפּט־העלד פון „די פאַמיליע מושקאַט״ פאַרשיכורט זיך פון זינד, לויפט פון איין פרוי צו דער אַנדערער, און בלייבט דורשטיק ביים קוואַל פון לעבן. אין קעגנזאַץ צו אַבראַמען, שלאָגט אָבער אין אים אַ קינסטלערישער אָדער און ער שרייבט אַ ווערק, „די לאַבאָראַטאָריע פון גליק״. ער איז אויסן, הייסט עס, צו שאַפן אַ מין סינטעטיש־קינסטלער גליק, ווייל פון אַ נאַטירלער־אָרגאַנישן קאָן ער נישט געניסן. ריכטיקער — ער וויל פאַרווירקלעכן זיינע אינטימסטע ווונטשן אין זיין ווערק, ווייל אין רעאַלן לעבן קאָן ער זיי נישט פאַרווירקלעכן. ער שטרעבט צו דערגרייכן מיט דער פאַנטאַזיע דאָס, וואָס ער קאָן נישט דערגרייכן מיט זיינע טאַטן. אין לעבן האָט ער נישט קיין גליק, וויל ער כאָטש שרייבן וועגן גליק...

מענטשן זינקען אין זנות! — לאָזט זיך אויבנאויפיק מאַכן דער אויספיר, אַז די דאָזיקע דאַן־זשואַנען לאָזן זיך ווילגיין און געניסן פון לעבן. ס׳איז אַ טעות בנוגע באַשעוויסעס העלדן. דאָס אַנטלויפן זיי אַזוי פון זייערע פּראָבלעמען, פון דער מרה־שחורה, פון דעם דורכפאַל אין לעבן. זיי זוכן אין די הוליאַנקעס אַ פּיקטיווע שטאַרקייט, אַ גלויבן אין זיך אויף צו קאָנען אויסהאַלטן די סביבה, וועלכע איז זיי נישט צום האַרצן, די ווירקלעכקייט וועלכע זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט, אַז עדגאַר עלאַן פּאָ — ווי עס זאָגן עדות זיינע ביאָגראַפן — האָט זיך גאָרנישט „פּאָסמאָקעוועט״ מיטן ביטערן טראָפּן, נאָר פלעגט אַן טעם אַראָפּשלינגען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, און אַזוי טרינקען ביז שכרות, ביז זעלבסטפאַרגעסונג.

פונקט אַזוי זנותעווען באַשעוויסעס פאַרשווינען. זיי האָבן נישט קיין טעם אין ליבע, פונקט ווי זיי פילן נישט קיין טעם אין לעבן. זיי זינדיקן „מיט אַ שווער געמיט״. דאָס זענען דאָן־זשואַנען מיט אַ קנאַפּער עראָטישער אָנלאָדונג, אָן עפעקטיווער באַפאַרבונג, אָן טעמפּעראַמענט. דאָס האַרץ באַגלייט נישט דעם גוף. אפילו דער מוראַדיקער ווייבערניק אַבראַם, מיט דער פער־שוואַרצער באָרד און ברייטע פּלייצעס, האָט מער פייער אין דמיון ווי אין די בלוטן. דאָס האַרץ איז שוין ביי אים טויט־קראַנק, דער קערפער מיד און אָפּגע־לאָזן, אָבער די פאַנטאַזיע הערט נישט אויף צו ברענען און בראָטן...

די ליטעראַטור אין אַלע אירע זשאַנערן, וועגן און אומוועגן, איז זייער אַ דעליקאַטער אָבער פּרעציזער אינסטרומענט פון טיפן אַריינבליק אין דער נשמה פון מענטשן. אומצאָליקע פאַקטאָרן נעמען אָנטייל אין דער אויסבילדונג פון אָט דער סודותפולער וועלט און באַשטימען דעם מענטשלעכן גורל אין אוניווערס. וואָס מער עס וועט אַנטפּלעקט ווערן די געהיימעניש פון מענטשלעכן וועזן, אַלץ לייכטער וועט זיין צו היילן די וונדן, וואָס פאַרקריפּלען דאָס לעבן.

# „גימפל תם" פון י. באַשעוויס און „באַנטשע שווייג" פון י. ל. פּרץ

„איך בין גימפּל תם, איך האַלט מיך נישט פאַר קיין נאַר. פאַרקערט, נאָר די לייט רופן מיך מיט אַזאַ צונאָמעניש... וואָס איז געווען מיין נאַרישקייט? באשר מען האָט מיך געקאָנט גרינג אָפּנאַרן. מ'האָט געזאָגט: גימפּל, די רביצן איז געלעגן געוואָרן, בין איך נישט געגאַנגען אין חדר. נו, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'איז געווען אַ ליגן. פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן? ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין גראָבן בויך? נו, איך האָב נישט געקוקט אויף דער רביצנס בויך. איז דאָס אַ נאַרישקייט?..."

אַזוי הייבט אָן יצחק באַשעוויס זיין באַרימטע דערציילונג „גימפּל תם", און מיר האָבן פאַר זיך אַ מוסטער פון אַ קלאַסישן סטיל, פון אַ מעלאָדיש־באַצויבערנדיקער פּראָזע און שאַרפזיניקן הומאָר, וואָס קוועלט אַרויס אין די תמימותדיקע רייד פון דעם ליטעראַרישן העלד, וועלכער אַנטפּלעקט זיך מיט זיין פּרצוף־געשטאַלט שוין אין די ערשטע ריטמישע שורות.

גימפּל תם איז איבערזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן, ווי „גימפּל דער נאַר" אַזוי אין שפּאַניש און אין ענגליש. אָבער גימפּל איז ווייט נישט קיין נאַר, ווי ער אַליין זאָגט. תם איז דער טייטש: רעכט־פאַרטיקייט, אָרנטלעכקייט, נאַיִוויטעט, ריינקייט, שלימות. די אַלע אַטריבוטן ווערן באַטראַכט ווי „נאַרישקייטן" דורך די קלוגע לייט פון דער היינטיקער פּראַקטישער צייט און דאָס, ווי עס שיינט, איז אונדז אויסן געווען צו דערווייזן דער מחבר, און ער טוט עס מיט אַ סקעפּטישן שמייכל.

וועגן איובן ווערט געזאָגט אין תנ"ך, אַז ער איז געווען אַן „איש

תם וישר" און יהואַש טייטשט עס: „אַן ערלעכער און רעכטפאַרטי־קער מענטש" („איוב" א׳ א׳), און ווי אַזאַ האָט באַשעוויס מייס־טערהאַפט געשילדערט זיין העלד אין דער אַרומיקער סביבה פון אַ „טריפהנער" וועלט. זיינע פרומע עלטערן האָבן די „וועלט" — אויסער די ווענט פון זייער אייגענער שטוב — באַטראַכט ווי אַ זינדיקע, ווי אַ טריפהנע, און דער זון האָט דעם באַגריף געגעבן אַ קינסטלערישן אויסדרוק.

אַ תם האָט אַ קנאַפּן חוש פאַר דער רעאַליטעט, און קיין פאַרשטענדעניש און אינטערעס פאַר מאַטעריעלע ווערטן. ווי אַ קינד איז ער פאַרליבט און פאַרגלויבט אינעם מענטש, און קוקט מיט לויטערע אויגן און מיט אַ ריינער נשמה אויף דער וועלט. תם האָט אַ ספּעציעלן ייִדישן ניואַנס, ס׳איז אַ מין גייסטיקע קאַטעגאָריע, וועלכע ס׳איז שווער איבערצוזעצן אין אַנדערע שפּראַכן.

גימפּל איז פרי געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום. געשטאָרבן דער פאָטער און מוטער, האָט דער זיידע אים אָפּגעגעבן צו אַ בעקער, און ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך געפילט ווי אַ יתום, ווי אַ באַוויל־טער פון גורל, וואָס האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון עלטערן־ליבע און די וואַרעמקייט פון אַ היים.

אין שטעטל איז געווען אַ גאַסנפרוי, וואָס האָט געהאַט אַ ממזר, האָט מען איינגערעדט גימפּלען, אַז ס׳איז אירער אַ ייִנגערער ברו־דערל. דאָס שטעטל האָט זי געוואָלט אַרויספירן אויפן דרך הישר, און מען האָט זי חתונה געמאַכט מיט גימפּלען. צו די פיר חדשים נאָך דער חתונה האָט זי אָנגעהויבן גיין צו קינד.

> „דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלאַכט אין די פויסטן, אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? זי איז פאַרט געלעגן אין יסורים, זי האָט געריסן די ווענט. גימפּל, שרייט זי, איך בין פאַרביי, זיי מיר מוחל!... די שטוב איז געוואָרן פול מיט ווייַ־בער... איך בין אַוועק אין בית־מדרש זאָגן תהילים"...

גימפּל האָט פאַרשטאַנען, אַז די פרוי האָט אים פאַראַטן, אָבער עפּעס אַ מלמד האָט אים געזאָגט, אַז אַזאַ זאַך ווערט געבראַכט אין דער גמרא און אַז ס׳יויזל האָט אין גאַנצן קיין טאַטן נישט געהאַט און ער האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען. און „איך האָב ליב געהאַט

דאָס קינד אַ געוואַלד, זאָגט ער, און עס האָט מיר אויך ליב געהאַט. ווי נאָר ס׳האָט מיך דערזען, אַזוי האָט עס אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענטלעך, כ׳זאָל אים נעמען... און הלמאי זאָל איך ליגן זאָגן? כ׳האָב זי, עלקען, אויך נישט פיינט געהאַט״...

גימפּל האָט געהאַט אַ היים, אַ פרוי, אַ קינד און האָט זיך געפילט ווערטפול און גליקלעך. אַ מענטש ווי אַלע מענטשן! ער האָט געהאַט וועמען צו ליבן און פון וועמען געליבט צו ווערן. יעדן מין צווייפל פלעגט ער פאַרטרייבן און גאָרנישט דערלאָזן צום באַוווּסטזיין. די היים איז געווען זיין אייזערנער שטיצפּונקט אין קאַמף קעגן דער וועלט, וואָס האָט אים מבטל און חוזק געמאַכט, און האָט שוין אפילו געמאַכט פלעגנער ווי אָנצוהייבן אַרבעטן פאַר זיך.

ווי אַ בעקער־אַרבעטער פלעגט ער אַרבעטן אין די נעכט פון אַ גאַנצער וואָך — אויסער פרייטיק — שלאָפן אין בעקעריי אויף די זעק מעל. דאָס שטעטל האָט געדאַרפט האָבן פרישינקע ברויט און חלה צום פרישטיק. איין מאָל האָט דער אויוון געפּלאַצט און גימפּל איז אַוועק שלאָפן אַהיים. ער איז אַריין אין שטוב שטיל „כדי נישט אויפצוועקן ס׳פּיצעלע״, און טרעפט לעבן עלקען אַ מאַנסביל... ס׳איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן — און ר׳האָט געוואָלט מאַכן אַ געשריי — אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן. „צו וואָס מאַכן לייטיש געלעכטער און איבערוועקן ס׳קינד? וואָס איז דאָס שוועלבעלע, נעבעך שולדיק?״ און ער איז צוריק אַוועק אין דער בעקעריי, אָבער מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַז „צו גימפּלס נאַרישקייט איז אויך דאָ אַ גרענעץ״.

אין דער פרי איז ער אַוועק צום רב פרעגן אַ שאלה, און דער רב האָט געפּסקנט, אַז ער דאַרף איר געבן אַ גט. טאָרסט נישט לעבן מיט קיין זונה, זאָל זי גיין צוזאַמען מיט אירע ממזרים!... גימפּל האָט אָבער נישט געקאָנט רוען, ער פלעגט נישט שלאָפן דורך די נעכט, עס פלעגט אים אָנכאַפּן אַ בענקשאַפט צו דער פרוי און קינד, און ער פלעגט נאָס מאַכן מיט זיינע טרערן די זעק מעל אויף וועלכע ער איז געשלאָפן. ער האָט געוואָלט זיין בייז אויף איר „נאָר דאָס איז מיין אומגליק, זאָגט ער, כ׳קאָן נישט זיין בייז אויף קיינעם״ אַ ייִדענע האָט זיך באַנאַרישט, ער האָט איר אוודאי געבראַכט אַ שיינע מתנה; אָדער אפשר איז עס גאָר געווען אַ פאַרבלענדעניש,

און ער האָט אַ טעות געהאַט, זי לייקנט דאָך שטיין און ביין... און ער איז אַוועק צום רב און געזאָגט, אַז מעגלעך, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות... האָט אים דער רב געענטפערט, אַז ער וועט שיקן אַ שאלות־תשובה, אָבער ביז דעמאָלט טאָר ער זיך צום ווייב נישט דערנענטערן. אָבער ער מעג איר שיקן געבעקס מיט אַ שליח און געלט אויף איר אויסקומעניש.

און אַזוי האָט ער געטאָן. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער איר שיקן געבעקס מיט אַ געזעל וואָס האָט מיט אים געאַרבעט, און אין דריי פערטל יאָר אַרום איז געקומען די שאלות־תשובה, אַז אויב דער מאַן איז אין ספק צי די פרוי האָט אים גענאַרט, דאַרף ער זי נישט גטן, און מעג זיך צוריקקערן צו זיין משפחה.

מיט גרויס פרייד האָט גימפּל אויפגענומען די ידיעה. יענע נאַכט האָט ער פריִער פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט מיטגענומען געבעקס און זיך געלאָזט גיין צו זיין שטיבל. ער האָט געוווּסט, אַז פאַר דער צייט האָט אים זיין ווייב געבוירן נאָך אַ טעכטערל. שטיל איז ער אַריין אין שטוב און אויף די שפּיצפינגער זיך געלאָזט צום וויגל פון קינד. „דורך די שפּאַלטן שיינט אַריין די לבנה. איך זע שוין דאָס שיינע פּנימל פון דעם מיידעלע און איך קריג עס גלייך ליב. אָט אַזוי מיט איין מאָל. איך וואָלט איר שוין געקאָנט אויסקושן אַלע ביינדעלעך״... אַ גליקלעכער האָט ער זיך דערנענטערט צו דעם בעט פון זיין פרוי און ער איז געבליבן דערשיטערט: לעבן איר איז געלעגן דער געזעל...

גימפּל איז שוין צו יענער צייט געווען אַ שטיקל חשוב אין שטעטל, אַ באַלעבאָס פון אַן אייגענער בעקריי, האָט ער זיך אויסגעהיט פון אַ שלעכטן שם און פון אַן אומגלויבן אין מענטשן. „אַז איך וועל היינט נישט גלייבן מיין פרוי, וועל איך מאָרגן נישט גלייבן אין גאָט״, פלעגט ער זאָגן. אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט מיט עלקען צוואַנציק יאָר, זי האָט אים געהאַט זעקס קינדערלעך, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך פרייד אין שטוב און פאַרשאַפט דעם טאַטן גרויס פאַרגעניגן. „פאַר דער צייט, זאָגט גימפּל, האָבן פּאַסירט אַלערליי זאַכן, נאָר כ׳האָב נישט געזען און נישט געהערט, יאָך האָב געגלייבט, און ווייטער גאָרנישט. דער רב האָט מיר אָנומלטן

געזאָגט: אַז דו גלייבסט, איז דיר וויל. ס'שטייט געשריבן, אַז דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה".

מיטאַמאָל איז עלקע שלאָף געוואָרן. מאַנאַטן-לאַנג געלעגן אין בעט. גימפּל האָט אויף איר אויסגעגעבן אַ פּאַרמעגן, געבראַכט דאָקטוירים פון לובלין, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. פאַרן טויט האָט זי צוגערופן גימפּלען און געזאָגט: „זיי מיר מוחל, גימפּל, איך האָב דיך, נעבעך מיאוס אָפּגענאַרט אַלע יאָרן, כ'וויל אַוועק צו גאָט ריין. זיי וויסן אַז די קינדער זענען נישט דיינע... ווען מען דערלאַנגט מיר מיט אַ שטאַנג איבערן קאָפּ, וואָלט איך אַזוי נישט צעמישט געוואָרן — ווֹעמענס דען זענען זיי? — פרעג איך — כ'ווייס נישט, זאָגט זי, נאָר דיינע זענען זיי נישט. זיי מיר מוחל, איך וויל קומען אויף יענער וועלט ריין... און אַזוי טוט זי אַ פאַרוואָרף ס'קעפּל, און אויס עלקע".

מיר זענען געגאַנגען אין די פוסטריט פון דער סיפור-המעשה, כדי אַריינצופירן דעם לייענער אין צויבער-וועלט פון באַשעוויסעס נאַראַטאָרישן נוסח, די באַוועג-קרעפטן פון וועלכן ס'זענען די צוויי עלעמענטאַרע „פּאַזן פון מענטשלעכקייט" — ווי דער מחבר האָט עס אַליין פאָרמולירט: — נאַקעטקייט און אמונה, קערפּער און גייסט, אינסטינקט און מאָראַלישער געוויסן — זינד און תשובה. די סטיליסטישע קאָמפּאָזיציע און דער אידעיִשער קערן פון דער דערציילונג „גימפּל תם", איז באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר באַ־שעוויסעס גאַנצן שאַפן, ווי אַ טראָפּן וואָס פאַרמאָגט אַלע כעמישע קאָמפּאָזיציעס פון ים.

די יִדישע מיטאָלאָגיע הייבט זיך אָן מיטן ערשטן „מענטשלעכן" אַקט ווען אדם און חוה דעקן צו מיט אַ פייגנבלאָט זייער שאַנד, ווי נאָר זיי האָבן אויפגעגעסן דעם עפּל פון עץ הדעת און פאַרשטאַנען, אַז אַ מענטש איז נישט קיין חיה און דאַרף זיין שאַנד פאַרדעקן. ס'איז נישט געווען די „ערשטע זינד", נאָר ס'איז געווען דער ערשטער אַקט פון „מענטשלעכקייט", די „ערשטע מצווה" וואָס פאַרפליכט צו צוימען די אינסטינקטיווע אימפּולסן, וועלכע איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין דער יִדישער תורה, און אין דעם ווייטער־דיקן יִדישן לעבן.

מיט דעם דראַמאַטישן אַקט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין

דער פראַכט פון דער גן־עדן פּאַנאָראַמע, הייבט זיך אָן דער געבורט און די געשיכטע פון דער מענטשהייט. ווען דער מענטש זאָל נישט עסן „מעץ הדעת טוב ורע״, פון בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס (בראשית א׳, י״ז) וואָלט ער פאַרבליבן אין גן־עדן, אָבער ווי אַ חיה, וואָס פאַרמאָגט נישט די מענטשלעכע אַטריבוטן פון וויסן דעם אונטערשיד צווישן גוטס און שלעכטס, מיאוס און שיין.

אמת, ביי טייל באַשעוויסעס העלדן קומט די תשובה לאחר המעשה, אויפן טויטן־בעט, ווען מען קאָן שוין גאָרנישט מתקן זיין. און תשובה איז עפּעס מער ווי חרטה; עס מיינט, זיך צוריקקערן אויפן דרך הישר פון וועלכן מען האָט זיך אָפּגעקערט. אָבער חרטה איז אויך עפּעס מער ווי אַ קאָנווענציאָנעלער, ווי אַן אָנגענומענער מנהג זיך מתודה צו זיין, וואָס פאַרפליכט צו גאָרנישט. עלקע האָט אויפריכטיק חרטה געהאַט אויף אירע מעשים, זי האָט געזינדיקט קעגן איר מאַן און געבעטן ער זאָל איר מוחל זיין, ווייל זי וויל קומען „ריין״ אויף יענער וועלט...

און „יענע וועלט״ איז ביי באַשעוויסן ענג פאַרבונדן מיט „דער״ וועלט; איין וועלט דערגאַנצט די צווייטע, אָבער נאָר אין דער נשמה פון לעבעדיקן מענטשן. ס׳איז נישט קיין מיסטיציזם און נישט קיין השארת הנפש, קיין גלויבן אין אַ לעבן נאָכן טויט, און האָט דעריבער אַ ריין פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג.

אַ געוויסע דאָזע אַגרעסיוויטעט איז אַן אומפאַרמיידלעכער קאָמפּאָנענט פון אַ נאָרמאַלער סעקסועלער אַנטוויקלונג ביים מאַן. פאַר גימפּל תּם, דעם אייביקן „יתום״, מיט אַ קינדישן נישט־אויסגע־רייפטן עראָטיזם, וואָס קאָן אויף קיינעם „קיין בייז האָרץ נישט האָבן״, איז עלקע געווען קודם כל די אידעאַלע „מאַמע״ פון וועלכער ער האָט דערוואַרט שוץ, ליבשאַפט און רעטונג. ער האָט איר אימאַזש אינטראָזשעקטירט, אַריינגענומען אין האַרצן, און זי איז אים געקומען צו חלום מיט איר טרייסטוואָרט אויפן שווערן וועג, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. „עלקעלע, האָט ער זיך ביי איר געבעטן אין חלום, נעם מיר צו זיך״. „האָב געדולד, גימפּל, פלעגט זי אים ענטפערן, ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט. שוין נענטער ווי ווייטער״...

די „גייסטער״ זענען ביי באַשעוויסן פּערזאָניפיצירטע אינסטינק־

טיווע אימפּולסן. אַזוי דערציילט אונדזער העלד: „ווען איך בין געלעגן אויף די זעק מעל און געדרימלט, איז געקומען צו מיר יענער פאַרשווין, דער יצר הרע אַליין און זאָגט מיר, גימפּל, אַז די גאַנצע וועלט נאַרט דיך, נאַר דו די וועלט... זאַמל אָן יעדן טאָג אָן עמער השתנה און ביינאַכט טו עס אַריין אין דער יווירעבץ, זאָלן זיי פרעסן, זאָגט ער, די „פּראַמפּאָלער חכמים"... ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, און גימפּל האָט נקמה גענומען פאַר אַלע בזיונות וואָס ער איז אויס־געשטאַנען אין זיין לעבן.

אַריינגעזעצט דעם ברויט אין אויוון האָט ער ווידער איינ־געדרימלט. קומט אים צו חלום עלקע און טוט אַ רוף — „וואָס האָסטו אָפּגעטאָן, גימפּל? זאָג איך: ס'איז אַלץ דיין שולד, און הייב אָן צו וויינען. זאָגט זי: דו תם, אַז עלקע איז פאַלש איז שוין אַלץ ליגן? איך אַליין האָב אויך קיינעם נישט אָפּגענאַרט, נאָר זיך אַליין, איך צאָל פאַר אַלץ. מען שענקט דאָ גאָרנישט! כ'טו אַ קוק אויף איר פּנים: שוואַרץ ווי קויל". גימפּל האָט זיך אויפגעכאַפּט באַשלאָגן מיט אַ קאַלטן שווייס, ער האָט אַרויסגעכאַפּט די באַשמוצטע לאַבנס ברויט פון אויוון און זיי אָנגעהייבן באַגראָבן אין דערבייזיקן הויף. די געזעלן וואָס זענען געקומען אין דער פרי צו דער אַרבעט, האָבן געמיינט, אַז ער איז פון זינען אַראָפּ...

גימפּל איז אַוועק אַהיים, האָט אַרויסגענומען דאָס פּעקל געלט פון דער באַהעלטעניש, עס אָפּגעגעבן די קינדער: „איך גיי צו אייער מאַמען", האָט ער געזאָגט, און איז אַוועק פון שטעטל. ער איז אַוועק פון דאָרט וווּ אַלץ האָט אים דערמאָנט ווי מען האָט אים גענאַרט און פאַרפאַלגט.

באַשעוויס באַנוצט זייער גערן דעם מאָנאָלאָג. ער דערציילט נישט וועגן זיינע העלדן, נאָר ער לאָזט זיי אַליין רעדן, און זיי דערשיינען ווי לעבעדיק פאַר אונדזערע אויגן. זיינע אַ דערציילונג איז נישט נאָר אַן אינטעלעקטועלע קאָנסטרוקציע, נאָר אַ טיף־און אייגן־איבערגעלעבטע פּאַסירונג, פּונקט ווי דאָס זאָל האָבן מיט אים אַליין געטראָפן.

גימפּל איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, האָט געגעסן ביי פרעמדע טישן, און האָט ליב געהאַט פאַר די קינדער מעשיות צו דערציילן — מעשיות נישט געשטויגן־נישט־געפלויגן, מיט אַ שד,

אַ כּישוף־מאַכער, אַ ווינטמיל, ווייסער־וואַס. „איינמאָל זאָגט צו מיר אַ פּעמפּיק: זיידע, ס׳איז דאָך אַלץ די אייגענע מעשה. און כ׳לעבן ר׳איז געדעכט געווען, דער שייגאָץ״. אַ מענטש האָט אין לעבן איין צענטראַלע אידעע אַרום וועלכער עס דרייען זיך אַלע זיינע געדאַנקען און געפילן. און אַ שרייבער איז דאָך אויך אַ מענטש, אָבער אַזאַ וואָס קאָן אין טויזנטער וואַריאַנטן און ניואַנסן פאָרשטעלן מענטשלעכע לעבנס, וואָס ווערן רעגירט דורך די זעלבע באַוועג־קרעפטן און שטרעבן צום זעלבן ציל.

באַשעוויסעס העלדן פאַרמאָגן שאַרפזין, זיי דענקען טיף און זעען ווייט, און „געוויסן״ איז זייער גענעטישער קענצייכן; זיי האָבן יידישע אמונה, און אַפילו גימפּל תם דערטראַכט זיך צו אַ טראַנסצעדענטאַלער אידעע, אַז „די וועלט איז טאַקע אַן עולם השקר, אָבער זי איז איין טריט פון דער אמתער וועלט... דאָרטן וועט מען אפשר גימפּלען נישט נאַרן... ווען די צייט וועט קומען, וועל איך גיין אַהין מיט פרייד״...

יאָרן־לאַנג האָט גימפּל אַרומגעוואַנדערט, און ווי נאָר „כ׳טו־צו אַן אויג, זאָגט ער, בין איך ווידער דאָרט אין פראַמפּאָל; און ועמען, מיינט איר, זע איך? עלקען... ס׳פּנים שיינט, די אויגן זענען ליכטיק, ווי ביי אַ צדיקת... זי קושט מיך, האַלדזט מיך, וויינט אויף מיין פּנים, און אַז איך וועק מיך אויף, שפּיר איך אירע ליפּן און דעם געזאַלצענעם טעם פון אירע טרערן״...

אין דער יידישער ליטעראַטור איז באַרימט נאָך איין „תם״, דאָס איז „באָנטשע שוויַיג״, אַ מייסטערווערק פון י. ל. פּרץ, וואָס האָט אין זיין צייט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַרישער וועלט, און איז איבערזעצט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן. אָן אַ נאָבעל־פּרעמיע איז דער נאָמען יצחק לייבוש פּרץ אַריין אין פּאַנטעאָן פון דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור. אַן אַנאַלאָגיע פון די צוויי ליטעראַרישע העלדן זייערע, קאָן אונדז ברענגען צו אייניקע באַלערנדיקע אויספירן.

די דערציילונג „באָנטשע שוויַיג״ הייבט אָן פּרץ אַזוי: „דאָ אויף דער וועלט האָט באָנטשע שוויַיגס טויט גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט. פרעגט עמעצן בחרם, ווער באָנטשע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, פון וואָס ער איז געשטאָרבן. באָנטשע האָט

שטיל געלעבט און שטיל געשטאָרבן: ווי אַ שאָטן איז ער דורך דורך אונדזער וועלט".

און דער מחבר דערציילט אונדז, אַז באָנטשע איז געבוירן גע־וואָרן אין גרויס אָרעמקייט. קיינער האָט זיך נישט געפרייט ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט און קיינער האָט נישט געוויינט ווען ער איז געשטאָרבן. שווער האָט ער געלעבט און שווער געאַרבעט, אָבער קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט. ער האָט געשוויגן! אָפט האָבן אים מענטשן שלעכט באַהאַנדלט, אָפט האָט ער גע־הונגערט, אָבער ער האָט קיינמאָל קיין בייז האַרץ אויף קיינעם נישט געטראָגן, נישט אויף גאָט און נישט אויף לייט. באָנטשע האָט געשוויגן... מיט געדולד האָט ער אויסגעטראָגן דעם ביטערן גורל, וואָס גאָט האָט אים באַשערט.

זיין טויט האָט דעריבער געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף יענער וועלט. דער גרויסער שופר של משיח האָט געבלאָזן אויף אַלע זיבן הימלען און אַנגעזאָגט: „באָנטשע, דער גרויסער צדיק באָנטשע, איז נפטר געוואָרן!"

און פאַרן בית דין של מעלה האָט דער מליץ יושר, דער פּאַר־טיידיקער, דערציילט זיינע מצוות, אַז ער האָט ביטער געלעבט, אָבער קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט און „אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַקערט קיין פונק פון האַס", און ער הערט, באָנטשע, אַז עס איז שוין פאַר אים צוגעגרייט אַ שטול אין גן־עדן, און עס וואַרט אויף זיין קאָפּ אַ קרוין...

נאָכן משפט זאָגט אים דער אב בית־דין: — מיין קינד, אויף יענער וועלט האָט מען דיין שוויגן נישט באַלוינט, דאָרטן האָט מען זיך אויף דיר נישט פאַרשטאַנען; אָבער דאָ, אויפן עולם האמת, וועסטו דיין לוין באַקומען... נעם וואָס דו ווילסט, אַלץ איז דיינס, זאָג וואָס דו פאַרלאַנגסט!" און ער זעט אַזוי פיל שיינקייט אַרום זיך, אַזוי פיל הימלשע פּראַכט; און איר ווייזט דאָך וואָס באָנטשע האָט געענטפערט: — איך וויל יעדן טאָג אַ פרישע בולקע מיט פּוטער... און די דערציילונג ווערט פאַרענדיקט מיט די סאַרקאַסטישע ווערטער: „די מלאכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט און דער טייוול האָט זיך הויך צעלאַכט..."

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס די טעמע פון באָנטשע, האָט

פּרץ גענומען פון אַ נישט־ייִדישער פֿאָלקס־מעשה. (שעקספּיר האָט אַלע זיינע טראַגעדיעס געבויט אויפֿן יסוד פון פֿאַרשידענע לעגענדעס און פֿאָלקס־מעשיות). דער רוסישער שרייבער, קאָראָלענקאָ, האָט באַארבעט די זעלבע טעמע; אָבער אַ פּערל אין דער וועלט־ליטע־ראַטור איז געוואָרן דווקא די שאַפֿונג פון ייִדישן שרייבער, יצחק לייבוש פּרץ.

פּרץ האָט אַ פֿרעמדן אינהאַלט אָנגעקליידט אין אַ ייִדישן לבוש, אַריינגעבלאָזן אין אים אַ ייִדישן גייסט, און ס׳איז געוואָרן אַ דראַמע פון ייִדישן לעבן, אַ סימבאָל פון אַלגעמיין מענטשלעכער עקזיסטענץ. די פֿאָרעם, דער סטיל, די שפּראַך און די בילדער, האָבן פֿאַרוואַנדלט די סיפּור המעשה אין אַ סימפֿאָניע פון מענטשלעכן לעבנס־גורל, און „באָנטשע שווייג" איז נישט נאָר אַן אוצר אין דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויך אַ קונסטווערק אין דער אוני־ווערסאַלער ליטעראַטור.

די פֿאָלקס־מעשה האָט בלויז געגעבן דעם מאַטעריאַל, די ציגל, די טעמע: אַ קינסטלערישן בנין האָט פון דעם געמאַכט פּרץ מיט זיין קלוגן דיאַלאָג און באָנטשע איז דערהייבן געוואָרן צו אַ סימבאָלישער געשטאַלט, וואָס האָט געמונטערט דעם ייִדישן אַרבעטס־מענטשן צו קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערן לעבן. פּרץ, דער ראָמאַנטיקער, דער נביא פון קאַמף פֿאַר סאָציאַלער און נאַציאָ־נאַלער גערעכטיקייט, האָט געלערנט דעם ליידנדיקן אַרבעטס־מענטשן צו פֿאָדערן פֿאַר זיך אַ חשובן פּלאַץ ביים אַלגעמיינעם טיש פון לעבן.

פּרץ האָט באַטראַכט דעם מענטשן אין גייסט פון ביבלישן וועלט־באַנעם, וואָס ווערט באַשטעטיקט דורך דער מאָדערנער טיפֿ־קייט־פּסיכאָלאָגיע. דער מענטש איז באַשאַפֿן בצלם אלקים, אין גע־שטאַלט פון גאָט, ר׳איז אויך אַן „אחד", אַ פּסיכאָ־פיזישע איינ־הייט, און ווען דער גוף ווערט דערנידעריקט און דערשלאָגן, שלעפּט ער אויך מיט די נשמה, אוודאי שטאַמט די נשמה פון אַ גייסטיק־געטלעכן מקור, אָבער אין מענטשלעכן גוף איז זי פֿאַרוואָרצלט אין אַ בשר־ודמיקן באָדן, אין אַ גראָב־ערדישן יסוד, און ווען דער רבונו של עולם האָט איר אָנגעבאָטן אַלע

אוצרות פון הימל, האָט זי קודם כל געוואָלט פאַרווירקלעכן איר אידעאַל פון דער ערד, אַ בולקע מיט פוטער, אויף צו דערהאַלטן דעם גוף ביים לעבן.

באַנטשע האָט געפאָדערט ביי גאָט זיין נישט־אויסגעלעבט לעבן. ער האָט געלערנט דעם ייִדן קודם־כל צו קעמפן פאַר זיינע עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכט, פאַר ברויט צו דער זאַט, פאַר אַן אַנשטענדיק לעבן. ווייל ווען דער גוף ווערט אויסגעצערט, ווערט אויך דער גייסט דערשלאָגן. באַנטשע שווייג האָט געזינדיקט קעגן זיין גוף, איז אויך דעגראַדירט געוואָרן זיין נשמה, זיין גאַנצע פערזענלעכקייט איז אַנטמענטשלעכט געוואָרן, דעהומאַניזירט און זיין איינציקער אידעאַל איז געוואָרן „אַ בולקע מיט פוטער״.

י. ל. פרץ האָט אונדז געגעבן אַ הויך־קינסטלערישע אילוס־טראַציע פון אַן **אידעע** און האָט געשאַפן אַ ראָבאָט, אַ **פראָדוקט** פון די אַרומיקע סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס האָבן אויסגעלאָשן יעדן פונק פון גייסטיקן לעבן  אין דער נשמה פון מענטשן. די נאַציס האָבן זייער געפּלאַנטן גענאָסיד פון ייִדישן פאָלק געבויט אויף אָט דער וויסנשאַפטלעכער טעאָריע פון „אַנטמענטשלעכונג״ דורך הונגער. האָבן זיי די ייִדן איזאָלירט, אויסגעהונגערט פיזיש און גייסטיק דערשלאָגן, און נאָכדעם די אויסגעמאַטערטע און האַלב־טויטע מאַסע, געטריבן צום „ענדגילטיקן״ טויט. און דאָך זענען געווען אומצאָליקע מאַסן־אויפשטאַנדן און העלדישע אינדי־ווידועלע אַקטן, ווו מען האָט געקעמפט נישט נאָר אויף צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, נאָר „פאַרן כבוד פון ייִדישן פאָלק״... דער מענטש איז נישט נאָר אַ פּראָדוקט פון די אַרומיקע סאָציאַלע באַדינגונגען, נאָר ער טראָגט אין זיך אויך אַ גענעטישע ירושה פון דורות עלטערן, וואָס האָבן שוין מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געקעמפט קעגן דער מעכטיקער רוימישער אימפעריע, נישט אויף צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, נאָר פאַרן כבוד פון ייִדישן פאָלק. די איינגעבוירענע קראַפט פון דעם גייסט, האָט געגעבן מוט דעם דערשלאָגענעם און אויסגעשעפּטן קערפּער.

באַשעוויס האָט געשילדערט אַ מענטשן. אַ מענטשן מיט זיינע מעלות און חסרונות, מער חסרונות ווי מעלות. אַ תם, אויף וועלכן

„די אַרומיקע סאָציאַלע באַדינגונגען" וואָס באַשטימען — לויט דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק — די עיקרדיקע כאַראַקטער־שטריכן פון מענטשן, האָבן געלייגט זייער שווערן שטעמפּל, און ער איז געוואָרן אַ „גימפּל שוויג", וואָס „טראָגט אויף קיינעם נישט קיין בייז האַרץ", ווי עס זאָגט באַשעוויס, אָדער „אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַקערט קיין פונק האַס", ווי עס זאָגט י. ל. פּרץ מיט זיין פּאָעטישן לשון.

גימפּל תּם האָט געירשנט עפּעס אַ פונק פון ייִדישן געוויסן פון זיינע ווייטע אורעלטערן, וועלכע האָבן די ערשטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע פּראָקלאַמירט דעם געבאָט: „זאָלסט ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין", און „זאָלסט נישט טאָן דעם צווייטן, וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל דיר טאָן". און דעם „צווייטן" מיינט דאָ נישט דעם ייִדן, נאָר דעם מענטשן בכלל. האָט גימפּל תּם נישט פאַרקויפט די באַשמוצטע לאַבנס ברויט — נאָר זיי באַגראָבן, און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דאָס צווייטע קינד איז נישט זיינס, איז ער עס שוין געווען גרייט „אויסצוקושן אַלע ביינדעלעך"... די ליבע האָט פאַרבונדן דעם תּם מיט מענטשן, האָט אים צוגעטיילט אויך פריידן אויף דער וועלט, און אויך געגעבן אַ וויזיע פון רו אויף יענער וועלט. די פּסיכאָלאָגיע — ריכטיקער די גענעטישע ירושה — האָט גובר געווען די דיאַלעקטיק פון דער סאָציאָלאָגיע.

# באַשעוויסעס סטיל

אין „מיין טאַטנס בית־דין שטוב" דערציילט יצחק באַשעוויס ווי ער איז יינגלווייז אַריינגעקומען אין דער אַטעליע פון אַ פוילישן מאָלער, ווו זיין ברודער האָט געאַרבעט, און איז דאָרטן געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן דעם איינדרוק וואָס די בילדער, די נאַקעטע פיגורן, די מאָדעלן, און די קינסטלער־סביבה האָט געמאַכט אויף דעם פרומען בר־מצווה יינגל. דער מחבר זאָגט עס: „וואָס פאַרא פּלוצעמדיקער איבערגאַנג פון מיין טאַטנס בית־דין שטוב ביז דער דאָזיקער אַטעליע! מיר דוכט, אַז דער דאָזיקער איבערשפּרונג איז אין איינקלאַנג מיט מיין כאַראַקטער, מיט מיין גורל און מיט מיין שאַפן. אין מיינע דערציילונגען איז אויך איין טראָט פון בית־דין שטוב ביז נאַקעטקייט און פון נאַקעטקייט ביז דער בית־דין שטוב. איך בין געבליבן פאַראינטערעסירט מיט לייב און לעבן אין דיביידע פאַזן פון מענטשלעכקייט".

אין די קורצע עטלעכע שורות האָט דער מחבר כאַראַקטעריזירט זיך גופא און זיין טאַטן. ס'איז אויך איינע פון די גרויסע מעלות פון זיין סטיל, וואָס צייכנט זיך אויס נישט נאָר מיט דער אַבסאָלוטער פּרעציזקייט פון וואָרט, וואָס דריקט אויס אַזוי אָנשווילער און פּלאַסטיש דאָס אינערלעכע לעבן פון זיינע העלדן; נאָר די אייגנאַרטיקייט פון זיין נוסח באַשטייט אויך אין דער זעלטענער פעיִקייט צו אַנטפּלעקן דאָס גורלדיקע אין פּרט, צו קאָנצענטרירן די טיפע באַדייטונג פון לעבן אין איין פונקט, וואָס דערהייבט צו קינסטלערישע סימבאָלן.

אין דער אויבן־געבראַכטער ציטאַטע האָבן מיר נישט קיין קינסט־

לערישע סימבאָלן, אָבער מיר האָבן יאָ די סימבאָלישע קענצייכנס: נאַקעטקייט און **בית־דין שטוב**, וואָס לאָקאַליזירן אין דער פּער־זענלעכקייט פון מחבר און אין זיין קינסטלערישן סטיל די צוויי אַטראַקציע־פּונקטן פון זיין אויפמערקזאַמקייט, וואָס שליסן זיך נישט אויס, נאָר דערגענצן זיך קעגנזייטיק, ווי צוויי פּאָזן — די פיזישע און גייסטיקע — פון איינער און דער זעלבער „מענטש־לעכקייט".

פון בית־דין שטוב, ווו עס הערשט דער גייסט פון קדושה און צניעות, ביז דער אַטעליע פון פרייע קינסטלער, ווו עס הערשט דער קולט פון שיינקייט און קערפּערלעכער נאַקעטקייט, איז ווירקלעך אַן „איבערשפּרונג", ווי עס זאָגט דער מחבר, און נישט קיין נאָרמאַלער איבערגאַנג. ביי אַזאַ איבערשפּרונג איז מען אין געפאַר צו ברעכן האַלדז־און־נאַקן. דאָס זענען צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַזוי לייכט זיך אַריינגיסן און כעמיש זיך אויס־מישן, אָן אַ שווערן אינערלעכן קאָנפליקט אין דער נשמה פון גאָטס־פאַרכטיקן בחורל.

דער צאַרטער, פילבאַרער און שעמעוודיקער בן הרב, מיט דער לאַנגער קאַפּאָטקע און פּאהלער, האָט געמוזט איבערלעבן אַן אמתן ויתרוצצו, ווען ער איז פון זיין שטרענגער פרומער־ייִדישער היים פּלוצעם אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פרייער סביבה. די בילדער, וועלכע ער האָט געזען אין דער אַטעליע פון ברודער, די מיידלעך וואָס זענען אַהין אַרויפגעקומען — „אַ געמיש פון אויסגעלאַסנקייט און רעליגיעזיטעט" — האָבן באַצוווּנגען די יונגע פאַנטאַזיע און אויפגע־רייצט די בלוטן. אָבער די בית־דין שטוב איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער נשמה פון קינד, און די ריינע געשטאַלט פון דער מוטער און דער יראת הכבוד פאַרן פאָטער, האָבן דערוועקט דאָס געוויסן און געשאַפן אַ שולד־געפיל.

צוויי קעגנזעצלעכע טענדענצן האָבן אין אַ שווערן געראַנגל זיך פאַרמאָסטן צו באַהערשן אַ יונג קינדיש וועזן: פון איין זייט, די איינגעבוירענע אינסטינקטיווע אימפּולסן, וועלכע האָבן אַ דאַנק דעם „פּלוצעמדיקן איבערגאַנג" באַקומען אַ צופלוס פון נייע קרעפטן און פון דער אַנדערער זייט, די ייִדישע ירושה און די דערציונג אין

גייסט פון טראַדיציאָנעלער ייִדישער ריינקייט און צניעות, וואָס איז אַריין אין בלוט און געוואָרן אַ צווייטע נאַטור. צוויי מעכטיקע כוחות אין אַ לאַנגן און שטומען אונטערערדישן קאַמף און — **געזיגט האָבן ביידע** — זאָגט באַשעוויס, וואָס איז „מיט לייב און לעבן געבליבן פאַראינטערעסירט" אין דער נאַקעטקייט און אין דער בית־דין שטוב פון טאַטן.

באַשעוויסעס אינטערעס פאַר „נאַקעטקייט" האָט אַריינגעבראַכט אַ גאָר נייעם און אויסנאַמלעכן נוסח אין דער בושת־פנימדיקער אַטמאָספער פון דער ייִדישער ליטעראַטור; אָבער אמת איז, אַז די בית־דין שטוב פון טאַטן האָט ער קינסטלעריש קיינמאָל נישט פאַר־לאָזן. ביידע אינסטאַנצן, די אַטעליע און די בית־דין שטוב, האָבן געווירקט אין דער אויסבילדונג פון כאַראַקטער, באַשטימט דעם פערזענלעכן גורל, דעם סטיל און אינהאַלט פון זיין קינסטלערישן שאַפן.

די ערשטע האָט געגעבן פליגל דער פאַנטאַזיע, וואָס האָט מיט איר „נאַקעטקייט" אָנגעצונדן אַ פייער, וואָס האָט געדראָאַט מיטצו־רייסן און פאַרצערן די גאַנצע פערזענלעכקייט. די צווייטע האָט נישט געקאָנט אויסלעשן דעם פלאַם, אָבער האָט יאָ באַוויזן אָפּצוקילן די בלוטן און איבערטראָגן די עראָטישע פאַרלאַנגען פון קערפּער אויף די טרוימען, אויפן דמיון, אויף דער פאַרשטעלונגס־קראַפט.

# יצחק באַשעוויס און פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי

פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי, אַ שטערן פון ערשטראַנגיקער גרויס אויפן הימל פון דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור, ווערט באַצייכנט ווי אַ קינסטלער פון פאַרברעכן און שטראָף, ווי עס הייסט איינס פון זיינע ווערק. דער יִידישער דאָסטאָיעווסקי פון זינד און תשובה, אַ שטערן פון ענלעכן פאַרנעם, איז דורכויס אַנדערש, הגם די קינסט־לערישע שאַפונג פוןביידע שטראָמט אַרויס פון די זעלבע קוואַלן, פון די טיפסטע אונטערבאַוווסטזיניקע שיכטן אין דער פסיכיק פון מענטשן.

דער געניאַלער רוסישער שרייבער איז געווען אַן עפּילעפּטיקער, אַ קראַנקייט וואָס באַרירט נישט דעם אינטעלעקט, אָבער וואָס לייגט איר שווידערלעכן שטעמפּל אויפן כאַראַקטער פון מענטשן. דער שפּאַנישער פּראָפעסאָר ד״ר אַנטאָניאָ וואַליעכאָ, זאָגט אין זיין „טראַטאַדאָ דע פּסיקיאַטראַ״, וועלכע ווערט געלערנט אין די מעדיי־צינישע פאַקולטעטן פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, אַז: „די עפּילעפּטיקער ווייזן אַרויס אַ טענדענץ צו פאַרברעכערישע מעשים״ (ז׳ 401) און אין אַ צווייטן פּלאַץ זאָגט ער: „עפּילעפּטיקער אונטער־שיידן נישט פאַנטאַזיע פוןווירקלעכקייט, זיי זענען דעריבער פאַלשע עדות, ווייל זיי גלייבן אין אמת פון די אויסטראַכטענישן, וועלכע זייערע עקזאַלטירטע פאַנטאַזיע האָט געשאַפן״ (ז׳ 386).

דערפאַר זענען אַזוי איבערצייגנדיק און אויפריכטיק די פאַר־ברעכערישע מעשים פון זיינע ליטעראַרישע העלדן, וואָס פירן אַן אייביקן קאַמף מיט דער וועלט. דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַ טיף גלייביקער קריסט, אַ מיסטישע נאַטור, וואָס האָט נישט פאַרווירק־לעכט זיינע פאַרברעכערישע טענדענצן אין דער רעאַליטעט, נאָר האָט זיי טראַנספּערירט אויף זיינע ליטעראַרישע פּערסאָנאַזשן. און

דאָרט, ווו דער פּאַרברעכן איז יאָ רעאַליזירט געוואָרן אין דערווירקלעכקייט, איז געקומען די אומפּאַרמיידלעכע שטראָף „פון אויבן", ווי עס איז פּאָרויסגעזען אין די הייליקע שריפטן...

יצחק באַשעוויס איז נישט קיין פּסיכאָפּאַטישע נאַטור, נאָר ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין די אָרעמע גאַסן פון וואַרשע, ווו עס האָבן געלעבט די אונטערוועלט־מענטשן, און ווו עס איז געווען די בית־דין שטוב פון זיין פרומען טאַטן. און ווי ער דערציילט אין זיינע זכרונות, איז ער יינגלווייז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער אין דער אַטעליע פון אַ פּוילישן מאָלער, ווו זיין ברודער האָט געאַרבעט, און די נאַקעטקייט פון דער אַטעליע מיט דער פרומער היים פון זיינע עלטערן, האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק אויפן יינגל, און אויף זיין שפּעטערדיקן ליטעראַרישן שאַפן. „איך בין געבליבן מיט לייב־און־לעבן פּאַראינטערעסירט, זאָגט ער, אין די ביידע פּאָזן פון דער מענטשלעכקייט".

„אַ מענטש — דאָס איז מאַן און ווייב" האָט געזאָגט ר' אברהם אבן עזרא, פילאָסאָף און דיכטער פון 11טן יאָרהונדערט. נאָר אַ האַרמאָנישער צוזאַמענלעבן פון „די ביידע פּאָזן פון דער מענטש־לעכקייט" בילדן אַ גאַנצן, אַ נאָרמאַלן מענטשן. די פּסיכאָלאָגישע אינטואיציע פון יידישן פאָלק, האָט שוין אין זיין מיטאָס, אין זיין ווייטן פּרעהיסטאָרישן פּעריאָד פון אַנטוויקלונג, דערזען די צוויי אומפּאַרמיידלעכע באַגלייטער פון מענטשן — די צוויי קאָמפּאָנענטן פון זיין פּסיכישן וועזן — און האָט זיי אָנגערופן: יצר טוב און יצר הרע.

דאָרטן ווו עס פעלט איינער פון די צוויי, איז עס אַ פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג. פעלט דער ערשטער, דער יצר טוב, ווערט געבוירן אַ פּיאָדאָר קאַראַמאַזאָוו, איינער פון דאָסטאָיעווסקיס הויפּט־העלדן, וועלכן סטעפּאַן צווייג האָט באַצייכנט ווי אַ „שמוציקן נפש", וואָס ווייקט זיך אין פּאַרברעכן ווי אַ חזיר אין דער בלאָטע, און עס מאַטערט אים גאָרנישט דאָס געוויסן. ער האָט נישט געהאַט קיין מאָראַלישן געוויסן! ער לעבט זיך אויס ווי אַ חיה, אַן דער רעגולירנ־דיקער קראַפט פון אַ מאָראַלישן באַוווסטזיין, און קומט אויף אים אַ שטראָף, איז עס ווי פון גאָט, אָדער פון די שומרים פון געזעצן, אָן

דעם מינדסטן בייטראַג פון זיין אייגענעם צושטייער פאַר אַ תיקון.

און פעלט די צווייטע פאַזע — די אינסטינקטן — איז עס גאָר קיין „מענטש" נישט, ווייל די אינסטינקטיווע אימפּולסן רופן אַרויס אַ רעאַקציע — אַ קעגנגעוויכט פון די איינגעבוירענע מאָראַליש־מענטשלעכע סענטימענטן — און עס אַנטוויקלט זיך אַ **געוויסן** אויף צו צוימען די בלינדע חיהש־אַגרעסיווע טענדענצן. און אין דעם אייביקן און דראַמאַטישן קאַמף צווישן די צוויי עלעמענטן, ווערט באַשטימט דער כאַראַקטער און דער גורל פון מענטשן. די גרעסטע חכמה פון דער נאַטור איז פאַרקערפּערט אין דער שטרעבונג צו שלימות, צו האַרמאָניע, אַזוי אין מאַקראָ־קאָסמאָס ווי אין מיקראָ־קאָסמאָס פון מענטשן. אַ מלאך האָט נישט קיין אינסטינקטן, האָט ער אויך נישט קיין פרייעם ווילן, און אין העברעיִש האָט דעריבער דאָס וואָרט „מלאך" צוויי באַטייטן: אַ באַשעפעניש נישט פון־דער־וועלט און אַ שליח, וואָס דערפילט יענעמס ווילן.

ביי יידן זענען דעריבער נישט פאַראַן קיין „הייליקע", און די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכקייט איז **תשובה**, ווען דער מענטש צוימט מיט **זיין אייגענעם ווילן** זיינע פרימיטיווע אימפּולסן, און האָט חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים. פרויד זאָגט: — ווען דער מענטש שטאַרקט זיין „איך" קלייבט ער אויס אַ בעסערן וועג אין לעבן און אונדזערע חז"ל האָבן געזאָגט „במקום שבעלי־תשובה עומדים אין צדיקים יכולים לעמוד", דאָרט וווּ עס שטייט אַ בעל תשובה, קאָן דער גרעסטער צדיק נישט גרייכן. דאָס איז דער יידישער קאָנצעפּט פון זינד און תשובה.

און נישט שטענדיק איז ביי באַשעוויסן זינד אַ „פאַרברעכן" קעגן אַ צווייטן, נאָר קעגן זיך אַליין, פאַר נאָכגעבן די אייגענע תאווה, וועלכע האָט אונטערן איינפלוס פון אַ **זינדיקער סביבה** אויפגעפלאַקערט אין די קינדער־יאָרן, אָבער אונטער דער ווירקונג פון דער **פרומער היים**, האָט ער זיך געלייטערט אין די פייערן פון חרטה, און זיך דערהייבן צו תשובה. דער פריצייטיקער קינדער־עראָטיזם פון באַשעוויסעס ליטעראַרישע העלדן, האָט פאַר דער צייט זיך אויסגעלאָשן און געוואָרן די סיבה פון דעם דראַמאַטישן געראַנגל, פון דער ירידה און עליה, פון זיין צאַלרייכער גאַלעריע טיפּן.

דאָס איז אַ ייִדישער דרך אין לעבן. שוין אין דער ערשטער קאָנסטיטוציע פון פאָלק, וואָס איז לויט דער מסורה פאָרמולירט געוואָרן אין די צען געבאָטן, ווערט געוואָרנט קעגן יעדער מין אויסגעלאַסנקייט. „זאָלסט נישט מזנה זיין" און „זאָלסט נישט גלוסטן דעם חברס פרוי" (שמות כ׳) און עס ווערט שטרענג פאַרבאָטן יעדע סעקסועלע פּערווערזיע. און דאָס איז געווען אין אַ וועלט פון געצנ־דינערײַ, אין די צײַטן ווען מען האָט לכבוד די אומצייליקע געטער פון ליבע געפּראַוועט אָרגיעס אין זייערע טעמפּלען, אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען קליין און גרויס. ביים באַטרעטן די ערד פון כנען האָט משה געזאָגט צום פאָלק אין נאָמען פון גאָט: — „איך גיב אייך די ערד נישט פאַר אייערע מעשים טובים, נאָר איך פאַרטרייב די פעלקער פון דאַנען פאַר זייערע אומווירדיקע מעשים, און די ערד שפּייט זיי אויס". עס איז צו באַוווּנדערן די טיפקייט פון געדאַנק, די ריינקייט פון געפיל און די שיינקייט פון פּאָעטישן אויסדרוק.

האָט באַראַבאַנדער, דער העלד פון „שוים" אָנגענומען פאַר ליב די שטראָף פאַר אַ מאָרד, וועלכן ער איז נישט באַגאַנגען. ר׳ משולם מושקאַט וויינט אויס זיין ווידוי אויפן טויטן־בעט, ער קאָן שוין גאָרנישט מתקן זיין, אָבער עס איז די שטימע פון אַ סופער־איך, וועלכער הערט אים נישט אויף צו מאַטערן. גימפּל תם נעמט אַרויס דעם באַשמוצטן ברויט און באַגראָבט אים אין גאָרטן, און אַזוי ווי אַלע באַשעפעניש, ווי באַשעפעניש? — אַלע באַשעוויסעס העלדן, איינשליסלעך די שבתי צבי־באַוועגונג, ווי באַשעוויס איז דער ערשטער און דער איינציקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט באַוויזן דעם גרויסן קינסטלערישן ווונדער, איז אונדז געגעבן אַ ראַציאָנעלע פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פון דעם מאַסן־פּסיכאָז, וואָס האָט באַהערשט הונדערטער טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען און באַלאַגערט אַלע פּאָרטן צו פאָרן קיין ירושלים, ווייל משיח איז שוין געקומען, און זענען נאָכדעם אין פאַרצווייפלונג אַריינגעפאַלן אין אַ מאַסן־דעליריום און געזינדיקט לשם מצווה, לשמה, אויף צו פאַרקירצן דעם קץ, און ברענגען די גאולה מיט אַ „דור שכולו חייב"...

# ווען די פֿאַנטאַזיע פּראָוועט שבת פֿאַר זיך

געוויינלעך איז די פֿאַנטאַזיע די שטענדיקע באַגלייטערין פֿון פֿיזישן באַגער און גענוס. אָבער נישט שטענדיק גייען זיי ביידע געפּאָרט. אין געוויסע פֿאַלן, ווען די פֿאַרווירקלעכונג פֿון פֿאַרלאַנג שטימט נישט מיט די עטישע און מאָראַלישע איבערצייגונגען פֿון מענטשן, ווערט דער עראָטישער באַגער טראַנספּערירט אויף די שכנישע „נייטראַלע" זאָנעס, אויף די חושים — ביי באַשעוויסעס העלדן אויפֿן חוש־הריח און דער ראיה, וועלכע זענען ביי זיי זייער פֿילבאַר, אַקטיוו און „שעפּעריש" — און דעם גרעסטן טייל פֿון דער עראָטישער ענערגיע באַקומט דער מוח, וועלכער אַנטוויקלט אין אַזאַ פֿאַל אַ פֿילפֿאַכע אַקטיוויטעט און ווערט אַ זעלבשטענדיקע אינסטאַנץ, אָפּגעטיילט פֿון גוף, וואָס קאָן געבן — אָן דער מיטאַרבעט פֿון פֿיזישן אָרגאַניזם, אָדער מיט אַ גאָר שוואַכן אָנטייל פֿון אים — אַן אילוזאָרישע באַפֿרידיקונג.

ס'איז ווי אַ מאַשין, ביי וועלכער עס ווערט אין גאַנג איבערגעריסן דער טראַנסמיסיע־פּאַס: דער מאָטאָר אַרבעט, אָבער די רעדער פֿון פּראָדוציר־אַפּאַראַט שטייען אומבאַוועגלעך... ביי אַ מאַשין איז אָבער נישט מעגלעך קיין אילוזיאָרישע פּראָדוקציע; דאַקעגן די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע קאָן יאָ פּראָדוצירן אילוזאָרישן גענוס.

מיט אַ צעהיצטער און עראָטיזירטער פֿאַרשטעלונג־קראַפֿט יאָגן זיך באַשעוויסעס העלדן נאָך ליבע־שפּיל, אָבער זיי קאָנען דאָס שפּיל אין ליבע נישט פֿאַרווענדן. זייער ווייניק קאָנען זיי געבן און נאָך ווייניקער נעמען פֿון לעבן. טראָגן זיי זיך אַרום מיט אומגעצוימטע פֿאַרלאַנגען, גלוסטונגען, בענקענישן, דערוואַרטונגען,

פלענער, וואָס קומען נישט אַרויס מן הכּוח אל הפּועל. זיי זענען אומפּעיִק עפּעס צו פֿאַרווירקלעכן. קאָנסטיטוציאָנעל זענען זיי צו פיל בעלי־דמיון און צו ווייניק בעלי־מעשה. זייער דינאַמיזם איז קאָנצענטרירט אין דער פֿאַנטאַזיע, וואָס „פּראַוועט שבת פֿאַר זיך", וואָס באַוועגט נישט די וויטאַלסטע רעסאָרטן פֿון פיזישן אָרגאַניזם.

דערפֿאַר איז ביי אייניקע פֿאַרשווינען באַשעוויסעס אַזאַ ווילדער חשק צו ניבול־פּה, צו דערציילן ניאוף־מעשיות, ווייל דאָס אַליין פֿאַרשאַפֿט זיי פֿאַרגעניגן, אַן אילוזאָרישע פֿאַרווירקלעכונג פֿון טאָט, וואָס צינדט אָן די תאווה.

אין „דער חורבן פֿון קרעשעוו", אויך אַ מעשה פֿון פֿאַרצייטנס, דערציילט דער שטן, וואָס האָט ליב „אויסצופֿירן קרומע שידוכים", ווי אַ מאַן וואָס האָט „מחמת צו פיל גלוסטעניש פֿאַרלוירן דעם „כּוח גבֿרא", איז צוגעשטאַנען צו אַ פּרוּוו מיט אויסגעלאַסענע געשפּרעכן, וואָס האָבן אין אים דערוועקט תאווה, און ער האָט אויך ביסלעכווייז דערפֿירט זיין פרוי דערצו, זי זאָל אויך האָבן פֿאַרגעניגן פֿון די „גראָבע רייד". ער צווינגט זי נאָכדעם צו זנות מיט אַן אַנדער מאַן און פֿאַרלאַנגט זי זאָל אים דערציילן אַלע פּרטים...

אָבער דער זינדיקער ווערט אַ בעל־תשובה און רייסט פֿון זיך לעבעדיקע שטיקער, קרעשעוו ווערט חרוב ומוחרב. זינד, הייסט עס, האָט נישט קיין שום קיום און קיין תקומה, און יצחק באַשעוויס דערציילט וועגן דער שטראָף מיט נישט ווייניקער עמאָציע און קינסטלערישער איבערצייגונג־קראַפֿט ווי וועגן די מעשים פֿון שטן.

# די ייִדישע ירושה

אויך די לייט פון דער „פֿאַמיליע מושקאַט" באַקומען זייער גערעכטע שטראָף, יעדער איינער ווי ער האָט זיך פֿאַרגרייט און ווי ער האָט זיך פֿאַרדינט. דעם „אינטערעס פֿאַר נאַקעטקייט", וועלכן עס האָט דערוועקט די אַטעליע פון מאָלער, האָט נישט דעגענע־רירט אין קיין אידעאַליזאַציע פון די „בלומען פון בייז" ווי ביי שאַרל באָדלערן. צו דעם האָט נישט דערלאָזן די ייִדישע ירושה — די בית־דין שטוב פון טאַטן, און דאָס ווערק איז געוואָרן אַ רעַ־אַליסטישער ראָמאַן, וואָס ווייזט מיט אַ סוגעסטיווער קראַפֿט דאָס ליכט און שאָטן פון לעבן.

יצחק באַשעוויס איז געבליבן טריי זיין קינסטלערישן באַרוף, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן נאָך אין די יוגנט־יאָרן. ער גייט אויסגעהאַלטן מיט אַ נאָך נישט־אויסגעטראָטענעם וועג צווישן די צוויי וועלטן. אַ גאַנג נישט קיין לייכטער, ווייל פֿאַרלירט מען די גאָלדענע מיט, פֿאַלט מען אַריין אין אַן עקסטרעם, אָדער מען בלייבט הענגען אין דער לופֿטן. אָבער דאָס איז געוואָרן אַ מזל און ברכה פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור: ער שעפּט אַנטשלאָסן פון ביידע „פֿאַזן פון מענטשלעכקייט" און האָט אין זיין ווערק קינסטלעריש געשטאַלטיקט נאָך נישט באַרירטע און אומבאַקאַנטע מענטשלעכע ווערטן.

באַשעוויס האָט אַנטפּלעקט אַ סך אייגנאַרטיקע שיינקייט און טיפֿקייט אין דער ייִדישער פֿאָלקס־נשמה. ער איז נישט קיין ראָמאַנ־טיקער ווי פּרץ אָדער אַש; ער איז ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, צו פיל ניכטער און ראַציאָנאַליסטיש, מיט אַ סקעפּטישן בליק אויפֿן לעבן און מיט אַן איראָנישן שמייכל איבער מענטשן. אָבער ווי אַן עכטער קינסטלער, וואָס איז טיף אמתדיק און טריי דער ווירק־

לעבקייט, רייסט דורך זיין איראָניע אַ שיין פון עבט ייִדישן עטישן חן און עס בליט אויף מיט פולער קראַפט די נשמה־שיינקייט פון ייִדישן מענטשן.

עקיבא, דעם ביאַלאָדרעװונער רבינס אַן איידעם, איז אַ שטרויע־נער אלמן. די פרוי איז אַוועק פון אים און פירט מיט אַ געליבטן פון וואַרשע, איינע פון די אומגליקלעכע ליבעס, אין נוסח באַשע־וויס. דער מחבר באַציט זיך צו אים מיט ביטול, אָבער זיין מאָראַ־לישע הויך קאָן ער נישט פאַרמינערן. ווי נישט ווילנדיק, מיט אָפּגעהאַקטע שטריכן, מאָלט ער אויס אַ פּאַרשוין: „אַ מענטשל אַן איינגעהויקערט, מיט אַ בערדל פון שטרוי־קאָליר, וואָס איז געשטאַנען עפּעס אין דער קרום״... ווי לעכערלעך ער זאָל נישט אויסזען אויסערלעך, אַזוי טיף־טראַגיש און טיף עטיש איז ער אינערלעך. קעגן דעם ווילן פון דער משפחה, וועלכע קאָן נישט מוחל זיין איר האַנדלונג, איז ער זיך ממש מקריב אויף צו פאַרהיטן די געליבטע פרוי פון אַן עבירה. ער לאָזט זיך אַן מיטלען אויף אַ רייזע קיין וואַרשע אָפּצוגטן דאָס וויב, זי זאָל קיין אשת־איש נישט זיין, ווייל „ס׳איז אַ גרויסע עבירה, פאַר וועלכער עס קומט מיתת בית־דין״... וועגן אַליין חתונה האָבן נאָך אַ מאָל טראַכט ער גאָרנישט.

דאָס איז אַ מאָראַל, וועלכע איז מעגלעך נאָר ביי ייִדן.

אין קעגנזאַץ צו שלום אשס העלדן, אין וועלכע זייער ייִדישער געוויסן איז אַן אַקטיווער כוח, וואָס באַשטימט זייער גורל אין לעבן, איז ביי באַשעוויסן דער אינערלעכער מאָראַלישער כוח פּאַסיוו, ער שווימט נאָר אַרויס אין מאָמענט פון נסיון און באַשיינט מיט אַ קדושה־ליכט פון ייִדישן חן זייערע „קרומקייטן״ פון לעבן. זעלטן ווען די עטישע קראַפט נעמט איבער די אויבערהאַנט און ריכטעט די מעשים פון באַשעוויסעס פּאָלקס־מענטשן, וועלכע פאַר־נעמען דעם אויבנאַן אין זיין אומענדלעכער גאַלעריע טיפּן. אָבער די עטישע טראַדיציע איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זייער נאַטור, אַ געגעטישער קאָמפּאָנענט פון זייער ייִדישן לעבנס־פּראָצעס, וואָס קומט צום אויסדרוק אין ריכטיקן מאָמענט, ווען דאָס פאָדערן די דראַמאַטישע באַדינגונגען פון לעבן.

קאָפּל משרת האָט באַגנבעט זיין באַלעבאָס און דאָס געוויסן לאָזט אים נישט רוען. ס'איז נישט געווען קיין פון פּאָרויס־צוגעגרייטע גניבה, ער האָט געזען אָפן די אייזערנע קאַסע און האָט דעם נסיון נישט געקאָנט אויסהאַלטן. די גניבה שטייט אים ווי אַ ביין אין האַלדז און ווי נאָר ער האָט די געלעגנהייט צו טיילן זיין סוד מיט לאהן, מיט דער טאָכטער פון ר' משולם מושקאַט, טוט ער עס און פילט אַ דערלייכטערונג.

לאה האָט אַ ביטערן לעבן ביי איר מאַן דעם בטלן, קומט זי צו קאָפּלען, פון וועלכן דער פאָטער האָט אויף אַזאַ אומגערעכטן אופן זי געשיידט קעגן איר ווילן, מיטן פעסטן באַשלוס צו מאַכן אַ סוף. אָבער אויפן וועג צו איר גליק טראַכט זי וועגן די, פאַר וועלכע איר טאַט וועט זיין אַן אומגליק, און זי אַנטשליסט זיך נישט. אַ באַלעבאַטישע טאָכטער מיט אַ טעמפּעראַמענט, וואָס איז גרייט צו ברעכן צוימען, איז זי אָבער אויסגעהאָדעוועט אין אַ פרומער יידישער שטוב און האָט באַשטימטע מאָראַלישע פּרינציפּן, וועלכע לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט ברעכן.

קאָפּל דאַקעגן האָט נישט קיין סימן תורה, אָבער פאַרמאָגט אַ סך גראָדן שכל און אַ חותם פון יידישן געוויסן. אַ קינד פון וואַרשעווער אָרעמקייט, האָט ער אפילו דעם טעם פון תלמוד־תורה נישט פאַרזוכט, און ווען ער וויל אָננעמען די פּאָזע פון אַ ווילקענער, ווערט ער קאָמיש. ער איז ספּאָנטאַן, אוממיטלבאַר, נאַטירלעך און טיף מענטשלעך.

דער דיאַלאָג צווישן דעם פּאָרל איז אַ שעדעווער פון פּראָזע־קונסט, ער איז אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישן שטאָף און ברענגט צום אויסדרוק, דורך וואָרט, זשעסט און טאָט דעם נשמה־צושטאַנד פון די העלדן, דעם אייגנאַרטיקן אידיאָם און דעם גייסט פון דער עפּאָכע, אין וועלכער עס קומט פאָר די האַנדלונג. דער מחבר האָט צוגעלייגט אַן אויער צו די הערצער און זיי געלאָזט ריידן. די קונסט מאַכט רעליעפער די רעאַליטעט, לאָזט זי דורכגיין די פּריזמע פון שעפער. שיינען אַרויס די פאַרבאָרגענע באַוועג־קרעפטן און עס ווערן קלאָרער און לעבעדיקער אַלע פאַרבן.

# אַ דיאַלאָג

— גוט מאָרגן, קאָפּעלע, אַ גוטן כאַלמויד! — האָט לאה אויסגערופן און ווילעריש געשמייכלט, אַריינקומענדיק.

— גוט יאָר, לאה, גם אתם — האָט קאָפּל געגוצט אַ לשון קודש וואָרט, וואָס האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט.

— וואָס האָסטו זיך אויפגעשטעלט? האָט זי באַמערקט, יאָר בין נישט קאָ׳ רבי, און קאָ׳ רביצין אויך ניש׳.

— ביי מיר ביסטו בעסער פון טויזנט רביצינס.

לאהס פּנים איז אין רגע געוואָרן ערנסט.

— הער מיך אויס קאָפּל! — האָט זי אַ זאָג געטאָן הויך, כמעט מיט געבייזער: דו ביסט נאָך אַלץ דער אייגענער? כ׳מיין צו מיר...

— איך צו דיר? דו ווייסט לאה.

— האָסט מיך נאָך אַ ביסל ליב?

קאָפּל האָט געטאָן אַ ציטער.

— אַ סך.

— אויב אַזוי זיי וויסן, אַז יאָך בין געקומען מאַכן אַן עק, אַהער אָדער אַהין!

קאָפּל איז געוואָרן בלייך.

— דאָס איז אַ גוטע בשורה, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פּאַר־שטיקט קול. דער פּאַפּיראָס איז אים געבליבן הענגען אויף דער אונטערשטער ליפּ.

קאָפּל איז געקומען צו זיך, צוגעשפּאַנט צו לאהן מעשה קאַ־וואַליער, פלינק, געהאָלפן איר אויסטאָן דעם זשאַקעט; ער האָט אפילו נישט פאַרגעסן צו עפענען דעם שירעם און אים אַוועק־

געשטעלט אין אַ ווינקל. די בלייפעדער פון הינטערן אויער איז אַראָפּגעפאַלן און ער האָט זי געלאָזט ליגן.

— האָסט אַ טריף מזל, קאָפּל, פירסט אַלץ אויס... בעטסט מיך אפילו נישט זיצן ?...

— זעץ דיך, לאה, דו ביסט די באַלעבאָסטע.

— אַ בראָך צו מיין באַלעבאַטישקייט. הער מיך אויס, קאָפּל, מיר זענען שוין ביידע נישט קאַ׳ מלופים קינדער... איידער מיר טוען אָפּ אַ נאַרישקייט, מוזן מיר זיך גוט איבעררעכנען... אויב דו האָסט חרטה, האָב איך צו דיר אסור גאָרנישט. ס׳איז נישט אַזוי לייכט צעברעכן אַ היים.

— יאָך האָב ניש׳ קאַ חרטה. דאָס איז דער גליקלעכסטער טאָג פון מיין לעבן.

— וואָס־זשע ביסטו אַזוי בלייך ? זעסט אויס ווי יום־כיפור צו נעילה.

— יאָך בין ניש׳ בלייך...

— יאָך וויל אַיין זאַך. זאָלסט דיין ווייב ניש׳ טאָן קיין עוולה. זי דאַרף האָבן איר אויסהאַלטעניש, פאַר זיך און די קינדער. זי טאָר ניש׳ וויסן פון קיין נויט !

— ס׳עט איר קיין זאַך ניש׳ פעלן...

און פלוצעם האָט אים אָן אויסטערלישער פאַרלאַנג אָנגענומען : זיך מתודה זיין פאַר איר. קאָפּל האָט באַנומען, אַז ער גייט אָפּטאָן עפּעס אין איילעניש, ער׳ט שפּעטער באַדויערן, אָבער ער האָט צום ערשטן מאָל ווי פאַרלאָרן די מאַכט איבער דער אייגענער צונג.

און ער דערציילט איר וועגן דער גניבה, אַז ער האָט ביי זיך אַ גרויסע סומע געלט און שלאָגט איר פאָר אַוועקפאָרן מיט אים.

— נו, וואָס ענטפערסטו ?

— וואָס האָב יאָך צו ענטפערן ? יאָך שטעק אין שמוץ ביזן האַלדז !... און ברעכט אויס אין אַ געוויין...

יעדעס וואָרט, באַוועג און זשעסט אין דעם דיאַלאָג האָט עפּעס אַ באַדייטונג, דריקט אויס עמאָציע, אַ באַגער. די דראַמאַטישע סיטואַציע ווערט געשילדערט מיט מעשים, די העלדן זענען אינ־דיווידואַליזירט, יעדער איינער רעדט זיין שפּראַך, עפנט זיין האַרץ,

און עס שפּילט זיך אָפּ אַ דראַמע פון מענטשלעכן לעבן. אין דיאַלאָג ווערן געשטאַלטיקט די פּערסאָנאַזשן און מען דערפילט דעם ציטער פון אינערלעכן קאַמף וואָס שפּילט זיך אָפּ אין האַרצן. לאה איז באַלעבאַטישער, עס רעדט פון איר ייִדישע טראַדיציע; דאַקעגן קאָפּל איז אין ערגעץ נישט פאַרוואָרצלט, מען פילט נישט הינטער אים קיין שמירה פון דורות, און דאָך האָט די סביבה געשטעלט אויף אים איר מאָראַלישן שטעמפּל און ער קאָן נישט לעבן מיטן געדאַנק פון דער גניבה. עס פאַרפאָלגט אים זיין געוויסן. ווען ער האָט דערציילט זיין סוד לאהן, איז אים „מיטאַמאָל געוואָרן משונה־לייכט. ער האָט געפילט ווי אַ לאַסט, וואָס האָט אים אַזוי לאַנג געדריקט האָט זיך אַראָפּגעקייקלט, געוואָרן צו נישט".

זאָל עס זיין דער אומקלאָרער געפיל, אַז דורך דער פאַרבינדונג מיט לאהן, גייט דאָס געלט צוריק איבער צום אמתן באַלעבאָס, צו דער יורשטע פון ר' משולמס פאַרמעגן? איז מער נישטאָ קיין גניבה און נישט קיין גנב.

באַשעוויס, דער קינסטלער פון זינד און תשובה, ווייזט אַ לעבן וואָס איז מגושמדיק, וואָס איז וואָכעדיק, וואָס איז אין די גלות־באַדינגונגען אַזוי שווער און זינלאָז. אמת זיינע העלדן האָבן אַ ניצוץ פון ייִדישן געוויסן, אָבער אַ גרויסער טייל פון זיי ווייקט זיך אין דער טומאה און אויב זיי זינקען נישט איבערן קאָפּ אין איר איז נאָר אַ דאַנק זייער ייִדישער ירושה.

# די כשרע און טריפהנע וועלט

אין זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק זאָגט באַשעוויס: „ביי אונדז אין שטוב איז די אַרומיקע וועלט געווען טריף״... די וועלט־אַנשויונג האָט ער פאַרקערפּערט אין זיין שאַפן. ער האָט געשילדערט די וועלט אַ טריפהנע, אַ זינדיקע, אַ ליידנדיקע. די כשרע און דערהויבענע וועלט איז פאַרטראַטן דורך די געצײלטע גייסטיקע פערזענלעכקייטן, וועלכע ער אידענטיפיצירט מיטן פאָטער, דעם פרומען מורה־הוראה. זיי זענען ווי פאַראיינזאַמטע לייכט־טורעמס, וואָס ווייזן אַ וועג, וואָס פאַרטרייבן דעם אַרומיקן חושך און עפענען אַ פּערספּעקטיוו פאַרן לעתיד־לבוא. זיי זענען די עדות פון אַ גרויסער יִדישער פאַרגאַנגענהייט און די האָפענונג אויף דער צוקונפט. אומדערשיטערט טראָגן זיי זייער גלויבן און האָבן כוח אויסצוהאַלטן דעם בטחון אונטער אַלע אומשטענדן. אָבער דאָס זענען סטאַטישע געשטאַלטן, דינאַמיט זענען די אַלע אַנדערע, וואָס זייער באַוועג־כוח איז דער שטן. די ערשטע זענען אידעאַליזירט און באַווירקן נישט דאָס לעבן און די צווייטע — „די וועלט״ — איז געשילדערט אומברחמנותדיק רעאַליסטיש, מיט אַ נטיה צו גראָטעסק, און אפילו עוזר־העשל ראַטעוועט זיך נישט פון דעם פאַרניכטנדיקן ביטול.

דאָס האָט דער מחבר די באַציונג צו זיך אויסגעשפּרייט אויף זיין דור, די וועלטלעכע יִדן, די וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם אַלטן גלויבן און קיין נייעם נישט געשאַפן, טראָגן זיך אַרום מיט צווייפל און בלאָנדזשען אויף אַלע וועגן. אָבער ער האָט די צוויי שיכטן נישט געשילדערט בלויז אין שוואַרץ און ווייס. ווי אַן עכטער מייסטער האָט ער געגעבן אַן אַלזייטיק און פילפאַרביק בילד פון אַ גאַנצער עפּאָכע, די מענטשן מיט זייער סביבה, מיט זייער שפּראַך,

מיט זייער וואָר און חלום. ער האָט געצייכנט די דינסטע ניואַנסן, געלאָזט הערן די שוואַכסטע טענער, און אַרויסגעבראַכט דאָס סאַמע פּאַרטאַיעטע און פאַרשעמטע אין דער נשמה פון מענטשן. ער האָט געלייגט אַ סך שאָטן אויפן בילד פון דער „טריפהנער״ וועלט, אָבער טריי דעם אמת פון לעבן האָט ער אפילו דעם צדיק און מאמין, ר׳ דן קאַצענעלבויגן, געלאָזט אויף אַ רגע אַריינפאַלן אין שוואַכקייט און פאַרברענען זיינע כתבים, ווען מען האָט די יִדן פאַרטריבן פון דער פראָנט־ליניע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. און פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אפילו ביי קאָפּל דעם משרת אויסגעפונען טיף־פאַרוואָרצלטע מידות־טובות.

ווען עוזר־העשל גייט אַריין אין בית־המדרש ווו „עס שמעקט מיט חלב, שטויב, תענית און נצח ישראל״, פּאַלט אים איין אַ געדאַנק: „דאָס איז מיין אמתע היים, אַהער וועל איך אַנטלויפן, אַז ס׳עט זיין כלו כל הקיצין״... אַ צווייטער העלד פון באַשעוויסעס לעצטן ראָמאַן דריקט אויך אויס דעם טיפן אומרו פון דעם היינטיקן יִדישן מענטשן, וועלכער שטייט פאַרלאָרן אויפן שיידוועג פון צייטן און וועלטן, און קאָן נישט געפינען זיין דרך אין לעבן. קומט ער אויך צו דער זעלבער אַנטשיידונג וואָס עוזר־העשל, זיין גייסטיקער קרוב: יִדן דאַרפן זיך אומקערן צום גלויבן פון זייערע עלטערן. זיך פאַרלאָזן באָרד און פּאות און טראָגן מיט שטאָלץ, ווי דאָס האָט געטאָן דער עלטערער דור, דעם חותם וואָס זאָל זיי אויסטיילן „ווי זעלנער פון גאָטס רעגימענט״...

איינע פון די לעצטע סצענעס אין בוך איז אין דעם זין סימבאָליש. דער געבראָכענער עוזר־העשל נעמט דאָס תנכ״ל צו די ליפּן און טוט עס אַ קוש: „וואָס זענען זיי שולדיק, די נביאים? זיי האָבן געמיינט גוט. זיי האָבן געוואָלט צדק ומשפט״.

עס הייסט, אַז אויף צו היילן די ליידנדיקע וועלט און כשרן אירע „טריפהנע״ בלוטן נעמט באַשעוויס אַ תרופה אין בית־דין שטוב פון טאַטן. דער פאַרבלאָנדזשעטער זון קערט זיך אום צו דער היים פון זיינע קינדער־יאָרן. ער שעפּט פון דאָרטן, און נישט בלויז דעם לויטערן נביאישן גייסט פון אוניווערסאַלער גערעכטיקייט און פון ליבשאַפט צו מענטשן — דעם יִדיש־עטישן וועלט־באַנעם

—נאָר ער באַשטייט און נעמט אויך אָן, ווי אַן אימפּעראַטיוו פון דער צייט, די נויטווענדיקייט פון די אַלטע לעבנספאָרמען און טראַדיציאָנעלע רעקוויזיטן.

# באַשעוויסעס שליחות

אַ גרויסער טייל דערציילונגען פון באַשעוויסן, איבערהויפּט די פון דעמאָנאָלאָגישן זשאַנער, זענען ווי די „מעשיות פון פאַר־צייטן", אין וועלכע עס שפּילט די הויפּט־ראָל דער שטן. די נאַכט־שרעקן פון די קינדער־יאָרן האָבן איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אויף זיין געמיט, און זיי באַגלייטן אים אויף אַלע זיינע ליטעראַרישע וועגן. ווי געזאָגט, האָט ער דעם פּסיכישן אָרגאַניזם, וועלכן די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע האָט איינגעטיילט אין אַן אומבאַוווּסטזיין, באַוווּסטזיין און אַן „איך", וועלכער פאַרמיטלט צווישן ביידן, פּערזאָניפיצירט אין לעבעדיקע געשטאַלטן — אין שרעטעלעך, לאַ־פּיטוטן, און אַלע אַנדערע טייוולאָנישע אימאַזשן — און האָט זיי אַריינגעפירט אין דער דראַמע פון מענטשלעכן לעבן.

האָט באַשעוויס געשילדערט אויף ברייטע לייוונטן אַ מאַיעס־טעטיש בילד פון אַ דור שכולו זכאי, וואָס האָט זיך אויסגעהיט פון זינד, געפּייניקט דעם גוף, און מתפלל געווען צו גאָט ער זאָל שיקן די גאולה. און אַז גאָט האָט נישט פאַרנומען זייער געבעט, און האָט נישט אויפגעהערט אָנצושיקן אויף ייִדן גזירות און שחיטות, האָבן זיי פאַרצווייפלט געזוכט אַ רעטונג אין די אָרעמס פון שטן. די תורה האָבן זיי אויפגעבויט אויף אַ פּסוק פון חז"ל, וואָס זאָגט: „ושכנתי אתכם בתוך טומאהתיכם" — איך וועל רוען מיט אייך אין אייער אומריינקייט. באַשעוויס האָט געגעבן, ווי איך האָב אויבן דערמאָנט, אַ ראַציאָנעל־קינסטלערישע און פּסיכאָלאָגישע דער־קלערונג פון אַ קאָלעקטיוון דעליריום, וואָס איז פאַרבונדן מיט די נעמען פון פאַלשע משיחים און די פּאָגראָמען אויף ייִדן אין פאַרשידענע צייטן.

אין די אַלע אַנדערע „מעשׂיות שטן" שילדערט באַשעוויס דעם מענטש, דעם יחיד, וואָס פאַרפּלאָנטערט זיך ווי אַ פליג אין די טייוולאָנישע נעצן פון דער שפּין — פון זיינע אינסטינקטיווע אימפּולסן — און ער פאַלט אַ קרבן פון שטן. ס'איז אַן **אינערלעכער קאַמף**, וואָס ווערט דראַמאַטיש אויסגעשפּילט אויף דער אויסערלעכער סצענע פון לעבן. טיילמאָל „גליטשט־זיך־אויס" דער מענטש, און ווערט געשטרויכלט אין גרעאַנגל מיט זיינע תאוות. מען איז דאָך „נישט מער ווי אַ מענטש" — און אַמאָל דאָס אויך נישט! ביי באַשעוויסן הייסט עס אַ שפּיצל פון אַ לאַפּיטוט, פון אַ שרעטל, אָדער פון אַ וועלכן נישט איז אַנדערן מזיק פון דעם גיהנום־געזינדל, וועלכע גייען נאָך יעדן מענטשן ווי אַ שאָטן. באַשעוויס ווייזט אונדז דעם אינערלעכן מעכאַניזם פון מיקראָ־קאָסמאָס — פון מענטשלעכן אוניווערס — און מיר דערזעען אין אים די נשמה פון מענטשן — דעם „איך" — אין זיין שטענדיקן גרעאַנגל מיטן יצר הרע און יצר טוב. ער רופט אָן די זאַכן מיטן אמתן נאָמען, און דאָס איז נישט אַלעמען צום האַרצן.

☆

ווערט געזאָגט אין „בראשית" ל'ב — כ'ט: — אַ מלאך האָט געזאָגט צו יעקבן — „האָסט זיך געראַנגלט מיט גאָט און מיט מענטשן און האָסט זיי בייגעקומען". ער האָט דאָך אויסגעלונקען „דאָס לעפּל פון יעקבס דיך". אַנדערע גייען אַרויס פון דעם קאַמף מיט אַן אויסגעלונקענעם לייב־ און־ לעבן. און אָט פּאַר די קרומקייטן פון לעבן האָט באַשעוויס אַ שאַרף אויג און אַ הויך קינסטלערישן סטיל, וואָס שילדערט — ווי עס זעט אויס אויבנאויף — גאַנץ טריוויאַלע געשיכטעס פון דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָבער אָפּ די אייביקע דראַמע פון מענטשלעכן וועזן.

אָט איז אַ מוסטער פון אַזאַ מין דערציילונג: „דער רואה ואינו נראה". דערציילט באַשעוויס מיט אַ טאָן פון אַ בייסיקער איראָניע וועגן אַ חשובן שטאָט־באַלעבאָס, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיין נגידות און ברייטער פּירעבץ: „דער ייִד האָט אַלע זיינע יאָרן

טריי עוסק געווען אין דער מצווה ושמרתם את נפשתיכם, דהיינו: „ער האָט געגעסן, געטרונקען און זיך געלאָזט ווילגיין", אָבער ער האָט נישט פאַרפעלט יעדן טאָג צו זיין מנין אין שיל, האָט ליב געהאַט צו הערן אַ מגיד, און אויך נעמען אַן אורח אויף שבת. זיין ווייב, אַ כשרע יידענע, האָט אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. איז ביי זיי געשטאָרבן די אַלטע טרייע דינסט, און די באַלעבאָסטע האָט, נעבעך, אַליין געמוזט זיך פאַרנעמען מיט דער ווירטשאַפט. האָבן זיי דערפילט, באַשיינפערלעך, „אַז עס איז לייכטער צו עסן ווי דאָס צוגרייטן".

און דאָ פירט אַרויס דער מחבר אויף דער סצענע זיין הויפט־העלד, דעם שטן, וואָס זאָגט: „איך האָב נישט געקאָנט צוזען ווי ר' נתן מיט זיין אשה ווערן, נעבעך, פאַרהונגערט, און איך האָב זיי צוגעשיקט אַ בריה נפלאה, און צו דעם נאָך אַ יונגע און אַ שיינע, און זי האָט פאַרפלאָנטערט דעם טייערן יידן אין אַ געפערלעכער שפּין־נעץ".

מאַכט זיך, אַז רויזע־טעמערל — אַזוי האָט געהייסן ר' נתנס פלוניתטע — איז אַוועקגעפאָרן מבקר־חולה זיין איר איינציקע שוועסטער אין אַ צווייטער שטאָט, און האָט זיך דאָרט געזאַמט עטלעכע וואָכן. אין דער צייט האָט די דינסט באַהאַנדלט איר באַ־לעבאָס מיט אַ באַזונדער איבערגעגעבנקייט, האָט אים געקאָרמעט, געפּוצט און אפילו געוואַשן. אָבער נישט מער — „דאָס נישט! פלעגט זי זאָגן, דאָס געהער צום מאַן. יאָך בין אַ כשר מיידל". און מתנות האָט זי נישט גענומען. נאָר וואָס דען? ער זאָל איבער־לאָזן זיין ווייב, זי גטן, חתונה האָבן מיט איר כדת משה וישראל, מיטנעמען דאָס געלט, און פון דאַנען אַוועק...

און ר' נתן האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון. ער איז אַוועק מיט דער נקבה, האָט מיט איר חתונה געהאַט. אין אַ צייט אַרום האָט זי אים באַגנבעט, אפילו די מלבושים צוגענומען, און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער מדינה, איז מיט אַ טאָרבע געגאַנגען איבער די הייזער. און אַזוי צוריקגעקומען צו זיין ערשטער פרוי, בעטן ביי איר מחילה...

אָבער צו יענער צייט איז שוין רויזע־טעמערל געווען פאַר־קנסט צו אַ צווייטן, האָט זי אים באַזעצט אין אַ בוידעם־שטיבל פון

אַ דערבײַיקער חורבה און ער איז געוואָרן אַ „רואה ואינו נראה", אַ מענטש, וואָס האָט געזען אַלץ וואָס ס'טוט זיך אַרום אים, און אים האָט קיינער נישט געזען. אויסער זײַן געוועזענער פרוי, וועלכע פלעגט אים ברענגען דאָס עסן און גלײַך אַוועקגיין. אַזוי האָט ער געלעבט ביז רוײַזע־טעמערל איז געשטאָרבן. ער האָט געזאָגט נאָך איר קדיש און געזעסן שבעה. ווען דער הונגער האָט אים אָנגעהייבן מאַטערן, האָט אים דער יצר טוב געראָטן רופן נאָך הילף, אַראָפּגיין צו מענטשן. אָבער דער יצר הרע האָט אים דערמאָנט דוד המלכס רייד: — לאָמיר ליבערשט פאַלן אין גאָטס האַנט און צו מענטשנס גאָב לאָמיר נישט אָנקומען. דער צווייטער מאַן פון דײַן געוועזענער פרוי וועט אין דיר דערלעבן אַ נקמה און שפּעטן איבער דײַן בראָך... בקיצור, ער האָט מיר געפאָלגט, זאָגט מיט שטאָלץ דער יצר הרע, ווײַל פון דער נאַטור איז ער געווען אַ גרויסהאַלטער, און ער איז אויסגעגאַנגען פון הונגער... ר' נתן האָט זיך נישט גע־וואָלט ראַטעווען, ער האָט חרטה געהאַט אויף זײַנע מעשים, און האָט געזוכט דעם טויט. מיט אַנדערע ווערטער: דער איך האָט נישט געוואָלט מודה זײַן אַז ער איז אַ שוואַכלינג, אַ ניאופניק, און באַשטראָפט זיך פאַר די זינד. האָט ער עס ראַציאָנאַליזירט מיט דער הילף פון סופער־איך, וואָס האָט אים אונטערגעזאָגט אַן אויסרייד: „איך בין אַ שטאָלצער און פרומער ייִד, וואָס וויל נישט אָנקומען צו בעטל־ברויט". באַשעוויס, ווי געזאָגט, פּערזאָניפיצירט די אינערלעך־פּסיכישע אינסטאַנצן, און שטעלט פאַר דעם סופער־איך ווי דעם בעל־דבר אַליין — דעם שטן.

ר' נתן האָט אויסגעהאָדעוועט אַ שטאַרקן יצר הרע וואָס האָט אים גובר געווען. מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז באַשעוויס שילדערט דעם מענטשן אין רעאַליסטישע פאַרבן, און שטעלט זיך נישט קיין שום אידעאַליסטיש־ראָמאַנטישע אויפגאַבן, ווי דאָס האָט געטאָן ש"י עגנון. אָבער אין זײַן אומברחמנותדיק נאַטוראַליסטיש בילד פון לעבן איז פאַרבאָרגן אַ ייִדישע שליחות — כאָטש ער אַליין לייקנט עס — וואָס פליסט ביי אים אַרויס פון די אַרכאַיִשע קוואַלן, פון „קאָלעקטיוון אומבאַוווסטזיין", וועלכער איז קולטיווירט געוואָרן אין דער פרומער ייִדישער שטוב פון זײַן טאַטן, און דאָס איז: די אומפאַרמיידלעכע שטראָף, וועלכע עס באַקומט אין באַ־

**שעוויסעס ווערק יעדער איינער, וועלכער איז אַראָפּ פון דרך הישר און האָט זיך איבערגעגעבן אין די אָרעמס פון שטן.**

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער געדאַנק האָט נאָך פריִער אויפגעבליצט אין אַ געניאַלן קאָפּ פון אַ נישט־ייִד. אָבער דאָס זענען געווען יחידים. נאָר דאָס ייִדישע פאָלק האָט דאָס ערשטע זיך אידענטיפיצירט מיט דער אידעע, זי פאַרוואַנדלט אין אַ לעבנס־פילאָסאָפיע און זי פאַרווירקלעכט אין טאָג־טעגלעכן לעבן, זי קולטיווירט אין דער תורה, אין די נביאים, אין דער גמרא, אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ביזן היינטיקן טאָג. דער שעפערישער גייסט פון ייִדישן פאָלק באַגלייט אים אויף זיין מאַרטירער־וועג דורך אַלע יאָרטויזנטער פון דער ייִדישער געשיכטע, און די גאָלדענע קייט פון „קאָלעקטיוון אומבאַוווסטזיין" — לויט דער טערמינאָלאָגיע פון קאַרל גוסטאַוו יונג — ווערט אָן אויפהער געשמידט דורך די ייִדישע דורות ווי אַ **גענעטישע ירושה**, וואָס וואָרצלט אינעם פרוכטבאַרן באָדן פון דער נבואה.

זאָגט יצחק באַשעוויס, דער וועלטלעכער ייִד, איך האַלט נישט פון קיין שום רעליגיעזן קולט, אָבער איך גלייב נישט אַז דער אוניווערס „איז אַ פיזישער אָדער כעמישער אַקצידענט, ווי אייניקע פּראָמינענטע וויסנשאַפטלייט פאַרזיכערן. איך בין זיכער, אַז ס'איז געווען און ס'איז פאַראַן אַ פּלאַן הינטער דעם; צום שלעכטן אָדער צום גוטן פאַרן מענטשן דאָס ווייס איך נישט". זיין פרומער טאַטע וואָלט געזאָגט, אַז זיין זון גלייבט אין גאָט...

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָט באַשעוויס געזאָגט אין אַן אינטערוויו, האָב איך געמיינט, אַז דאָס לאַנד איז אַ „שמעלץ־טאָפּ", ווו יעדער איינער דאַרף פאַרגעסן זיין אָפּשטאַם, שפּראַך און קולטור. איז דאַנקען גאָט, דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען, אַז אַמעריקע וועט גאָרנישט פאַרלירן, אַז יעדער איינער זאָל נישט פאַרגעסן זיינע וואָרצלען. דער ייִד, אירלענדער, איטאַליענער, שפּאַניער און אַנדערע זענען געקומען אַהער נישט אויף צו פאַרגעסן, נאָר אויף צו געדענקען און קולטיווירן זייער אייגנאַרטיקייט לטובת זייער נייעם פאָטערלאַנד. אין דעם איז פאַרבאָרגן דער גייסט פון פרייהייט און גרויסקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן...

# י. באַשעוויס און יודזשין יאָנעסקאָ

אַן עכטער קינסטלער דריקט אויס טיפער אינערלעכע באַדער־פעניש, ברענגט צום אויסדרוק דעם אומרו, וועלכן ער טראָגט אין האַרצן. ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם שלייער בעתן שאַפונגס־פּראָצעס און ווי אין אַ טראַנס, ווי אין אַ חלום, ברענגט ער צום אויסדרוק דעם באַהאַלטענעם אומרו, אין שטרעבונג צו באַנעמען די אייגענע נאַטור און באַשיידן דעם אמת פון לעבן. ער עפנט דאָס האַרץ פאַר דער וועלט, און צי ער רעדט אין דער ערשטער פּערזאָן, אָדער ער דערשיינט אין דער געשטאַלט פון זיינע העלדן — איז ער שטענדיק אמתדיק, אָפנהאַרציק און אָרנטלעך.

אויב נישט, איז עס רעטאָריק, שיינריידעריי, סאָפיזם פון אַלט־גריכישן סטיל, וואָס האָט געלערנט צו כשרן אַ שרץ מיט ק״ן טעמים. אַ סאָפיסט איז אין זיין כאַראַקטער אַן אָפּאָרטוניסט, וואָס שווימט גלאַט און שיין מיטן שטראָם, מיידט אויס שטרויכלונגען פון לעבן, און פאַרשווייגט דאָס אַלץ וועגן וואָס מענטשן האָבן מורא, אָדער שעמען זיך צו רעדן. ער פּאַסט זיך צו צום געשמאַק פון אַלע אַנדערע און זוכט נאָר צו געפעלן.

אַ קינסטלער זאָגט וואָס ער פילט. און נאָר אַזאַ שרייבער קאָן אַנטדעקן נייע און פאַרבאָרגענע ווינקלען אין דער מיסטעריע פון מענטשלעכן וועזן, און שאַפן עכטע קונסט, וועלכע איז נישט עפּעס אַנדערש ווי ריינער אמת, וואָס רייסט זיך דורך ווי אַ זון־שטראַל דורכן שלייער, וואָס הילט איין די נשמה פון מענטשן. אַזוי שרייבט יצחק באַשעוויס. און כאָטש נישט אַלץ וואָס ער שרייבט איז אונדז צום האַרצן — און אַוודאי וועלן מיר נישט אָננעמען זיין אַנאַכראָ־נישע פאַרעלטערטע לייזונג פון גיין צוריק אין שיל אַריין, אָדער

„ווערן זעלנער פון גאָטס רעגימענט" — איז אָבער זיין שאַפונג אַן אמתדיק בילד פון דעם כאַאָס, וואָס הערשט אין דער וועלט, פון די פינצטערע כוחות אין דער נשמה פון מענטשן און פון דעם אַנגסט, וואָס האָט באַהערשט דעם מאָדערנעם וועלטלעכן ייִדן, וועלכער זוכט אַ נייעם וועג אין לעבן. דער וועלטלעכער ייִד האָט פאַרלאָרן דעם אַלטן גלויבן און קיין נייעם נישט געפונען, האָט ער נישט ביי וואָס זיך צו האַלטן.

דער וועלט־באַרימטער דראַמאַטורג, יודזשין יאָנעסקאָ, אַ ייִד פון רומעניע און מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, וואָס דערמאָנט מיט שטאָלץ זיין ייִדישן אָפּשטאַם, און איז היינט צו טאָג דער העכסטער וואָרטזאָגער פון מאָדערנעם טעאַטער, זאָגט אַז די מערהייט מענטשן זענען ווי שעפּסן אין אַ סטאַדע, וואָס ווערן געפירט פון אַזעלכע, וואָס **האָבן פאַרלאָרן יעדן חוש פאַר הומאַניזם.** אַלע רעוואָלוציעס, זאָגט ער, זענען אַ דורכפאַל, ווייל נאָך יעדער רעוואָלוציע קומט אַ נייע אונטערדריקונג, וואָס איז נאָך ערגער פון דער פריִערדיקער. הינטער די שענסטע אידעאַלן, זאָגט ער, באַהאַלט זיך דער ווילן צו מאַכט, די שטרעבונג צו הערשן. און ער פּרעדיקט, דעריבער, אינדיווידואַליזירן, געבן וואָס מער פרייהייט דעם מענטשן, וואָס וויייניקער רעגלאַמענטירן און צוימען דאָס לעבן.

ס'איז אפשר אַ ריכטיקער, הגם זייער אַ פּעסימיסטישער דיאַגנאָז פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, אָבער די רפואה, וועלכע ער שלאָגט פאָר, זעט אויס צו זיין אַ גאַנץ צווייפלהאַפטער מיטל צום גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פון וועלכע מיר ליידן היינט. יאָנעסקאָס תורה קאָן פירן צו הפקרות און כאַאָס, בעת באַשעוויסעס „זעלנער פון גאָטס רעגימענט" זענען דאָך אונטערגעוואָרפן אַ געוויסער גייסטיקער דיסציפּלין פון ייִדישער גערעכטיקייט און ליבשאַפט צו מענטשן.

אָבער אַ קינסטלער איז נישט מחויב צו געבן קיין פּאָליטישע פּראָגראַמען; גענוג אַז ער העלפט אונדז טיפער אַריינצובליקן אין דער נשמה פון מענטשן און בעסער פאַרשטיין דאָס לעבעדיקע לעבן.

יצחק באַשעוויס האָט מיט אַ זעלטענעם מוט און גרויסן טאַלאַנט אויפגעדעקט אַ סך ווונדן פון אונדזער ליידנדיקער וועלט און גע־געבן נישט נאָר אַ בילד פון וויכטיקע עפּאָכעס אין ייִדישן לעבן, נאָר

ער האָט אויך געמאַכט אַ קינסטלערישע ראַדיאָגראַפיע פון אויפ־
גערודערטן געמיט, וואָס האָט באַהערשט דעם פאַרגאַנגענעם דור,
און וואָס איז דורכויס אַקטועל און כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר
אונדזערע צייטן.

י. באַשעוויס, דער קינסטלער פון ליידנדיקן און געשטראָפטן
מענטשן, ווייזט אונדז אַ וועלט, וואָס האָט נישט קיין איבעריק שיינע
צורה, אָבער מען דאַרף זי אָנקוקן, און די קונסט דאַרף דאָס לעבן
געשטאַלטיקן. אַ וועלט לעבט אָן אַ זין, אָן אַ ציל, אָן אַ העכערער
פירנדיקער אידעע, וואַרפט זיך איינער צום גלעזל, דער צווייטער
צו הפקרות, דער דריטער צו האַזאַרדן. אָט די טראַגיק פון מענטש־
לעכער עקזיסטענץ, דער געראַנגל פאַר אַ תכלית, פאַר אַ העכערן
זין אין לעבן — איז אַן עכטער ייִדישער אומרו.

אָט דער אומרו, דער כאַאָס און די ליידן, האָבן געפונען אַ הויכן
קינסטלערישן אויסדרוק אין באַשעוויסעס שאַפן, און מיט רעכט איז
אים צוגעטיילט געוואָרן די נאָבעל־פּרעמיע, וואָס האָט דערהויבן
די חשיבות פון דער ייִדישער שפּראַך און דער ייִדישער ליטעראַטור.

# די קראַנקייט פון יאָרהונדערט

דער באַרימטער דענקער, עריך פראָם, מחבר פון פילצאָליקע ווערק, איז דערצויגן געוואָרן אין אַ רבנישער שטוב, ווו עס האָט נאָך געהערשט דער גייסט פון מיטלאַלטער. אין אָט דער היים האָט ער עס איינגעזאַפּט אין זיך די פילאָסאָפיש־עטישע טראַדיציעס און קאָנצעפּטן פון זיין שפּעטערדיקער וועלטאַנשויונג. זיין נשמה איז געווען צעטיילט צווישן דער אַלטער ייִדישער וועלט און דער מאָ־דערנער וועלט־אָרדענונג, וואָס איז באַזירט אויף דער פרייהייט פון גלויבן, וועלכע האָט אויסגעהאָדעוועט דעם אַזוי־גערופענעם „וועלט־לעבן" מענטשן.

אין דער משיח־אידעע פון דעם באמת רעליגיעזן ייִדן האָט פראָם געזען עפּעס מער ווי אַ באַפרייונג פון ייִדישן פאָלק פון גלות, נאָר אַן אוניווערסאַלע אידעע וואָס האָט אַ פּאָליטישע באַפאַרבונג, וועלכע מיינט אַ גרינטלעכע ענדערונג פון דעם וועלט־סדר, אַ באַ־פרייונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, ווייל גאָט וועט אַריינגעבן דעם מענטשן „אַ נייע נשמה", ווי עס האָבן געחלומט די ייִדישע נביאים.

אין דער טעאָריע פון קאַרל מאַרקס האָט ער געזען אַ רעליגיעזע כוונה צו שאַפן אַ געזעלשאַפט ווו עס זאָל הערשן ברידערלעכקייט, גערעכטיקייט, ליבשאַפט און פרידן. דאָס אַלץ האָט ער געוואָלט דערגרייכן אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון מענטשן. זיינע לענינִיסטישע נאָכפאָלגער האָבן די כוונה פאַרקריפּלט. מאַרקס האָט געלעבט אין בליונג־פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם און האָט דעריבער געגעבן זיין אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער טעאָריע אַ שאַרף־עקאָנאָמישן אויסדרוק. אַ לעבן וואָס איז באַזירט אויף געלט, מאַטעריעלן דערפאָלג און קאָנקורענץ, מאַכט אומגליקלעך דעם מענטשן — האָט פראָם געזאָגט.

די מערהייט מאַכט אַן אָנשטעל פון זיין גליקלעך; אויב נישט, הייסט עס אָנערקענען אַז מען איז אַ טויגעניכטס, און דאָס וויל קיינער נישט מודה זיין. טוט מען זיך אָן אַ מאַסקע. אָבער הינטער דער מאַסקע באַהאַלט זיך דער אומרו פאַרן „מאָרגנדיקן טאָג", די דעפּרעסיע, די שלאָפלאָזיקייט, „די קראַנקייט פון יאָרהונדערט", אָדער ווי זיגמונד פרויד האָט זי באַצייכנט: „די זאָרג צוליב דער קולטור".

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַן אַרבעטס־בעסטיע, וואָס דערלאָזט נישט צו אַנטוויקלען זיינע עיקרדיקע פעיִקייטן: די פעיִקייט צו ליבן, צו לעבן פאַר זיך און פאַר יענעם, נישט זיין קיין שקלאַף אין דינסט פון דער עקאָנאָמיע, נאָר אויסנוצן די עקאָנאָמיע אין דינסט פונעם מענטשן.

מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון אַ „קאָנסום געזעלשאַפט", ווי עס האָט זי אָנגערופן הערבערט מאַרקוסע, אַ פילאָסאָף פון דער נייער צייט, וואָס האָט דעם הויפּט־ציל צו שאַפן אַ וואָס גרעסערע פּראָ־דוקציע, וואָס מער צו אַנטוויקלען דעם טעכנישן פּראָגרעס, וואָס מער צו פאַרברויכן, כדי צו האָבן פאַר וועמען צו פּראָדוצירן.

אין די אַזוי־גערופענע סאָציאַליסטישע לענדער איז נאָך ערגער: דאָרט הערשט אַ שטאַטלעכער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט געשאַפן נייע צוויי קלאַסן: אַ זעלבסטהערשערישע פּאַרטיי־ביוראָקראַטיע און אַ קלאַס פון אונטערדריקטע שקלאַפן, וואָס האָבן נישט קיין וואָרט אין דער באַשטימונג פון זייער אייגענעם גורל.

ערנעסטאָ סאַבאַטאָ, איינער פון די וויכטיקסטע פיגורן אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור, איז אין זיין בוך „דער שרייבער און זיינע געשפּענסטער" געקומען צו ענלעכע אויספירן. ער באַהאַנדלט דעם מאָראַלישן קריזיס פון אונדזער יאָרהונדערט דורך דער פּריזמע פון אַ היסטאָרישן אַנאַליז פון דער מערב־ציוויליזאַציע און איר אָפּשפּיגלונג אין דער קינסטלערישער שאַפונג, און קומט, צוגלייך ווי מאַרקוסע, צום אויספיר אַז ס'איז נייטיק אַ **ראַדיקאַלע ענדערונג פון די ווערטן**, און אַ נייע געזונטע שטעלונג צום לעבן.

נאָך דער רעוואָלוציע קעגן צאַרישן רעזשים אין רוסלאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט די אילוזיע, אַז די וועלט וועט ענדלעך ווערן אַ גן־עדן געבויט אויף דער סאָציאַליסטישער אויסנוצונג פון דער מאַשין. די

וויסנשאַפטן, און איר מאַטעריעלער שטיצפּונקט: די מאַשין, אַט די נייע אָפּגעטער פון אונדזער ציוויליזירטער וועלט וועלן שאַפן אַ לעבן אָן פּאָליטישע און געאָגראַפישע גרענעצן, און אַ מענטשן מיט אַן אָפּן האַרץ צו דער וועלט און צו זיינע מיטמענטשן, ווייל די מאַשין איז דאָך אַ נייטראַלע זאַך, און דער גאַנצער אומגליק איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס זי איז קאַפּיטאַליסטיש אויס־גענוצט געוואָרן.

דער אמת איז אָבער, אַז דער נייער רעזשים אין רוסלאַנד האָט אַריינגעקנאַטן דעם יחיד אין דער מאַסע, האָט ביי אים צוגענומען אַלע פּריווילעגיעס, האָט אים אויסגעליידיקט פון זיינע אינדיווידועלע אַטריבוטן, און אונטערגעוואָרפן זיינע געפילן און געדאַנקען אין דינסט פון נייעם אָפּגאָט — דעם שטאַט און זיין שטיצפּונקט: די מאַשין, דער העכסטער אויסדרוק פון **מענטשלעכער הערשאַפט איבער דער נאַטור.**

יצחק באַשעוויס האָט געגעבן אַ קינסטלערישן אויסדרוק דעם נייעם גייסט פון דער צייט, ווי ער שפּיגלט זיך אָפּ אין ייִדישן לעבן און אין דער נשמה פון ייִדישן מענטשן. באַפרייט פון דער פאַר־בינדונג מיט גאָט און מיט זיין טראַדיציאָנעלער סביבה, ווערט ער אויך אויסגעליידיקט פון זיין אמתער אידענטיטעט, פון זיין ייִדישן מהות פון זיין „פּינטעלע ייִד". פריִער האָט ער געהאַט עפּעס אַ זיכערן באָדן, איצטער האָט ער דעם באָדן פאַרלאָרן, געבליבן אָנגעוויזן אויף די אייגענע קרעפטן, שוועבט ער אין דער לופטן. ער פילט זיך אומזיכער אויף דער וועלט און האָט נישט קיין גלויבן אין יענער וועלט. האָט ער פאַרלאָרן ביידע וועלטן. ער פילט זיך אין גלות, אין אַ וועלט צו וועלכער ער האָט נישט קיין שייכות.

דער גלות־געפיל האָט נישט באַהערשט דעם ייִדן פון דער געטאָ, נאָר דווקא דעם עמאַנציפּירטן ייִדן, דעם געבילדעטן. אין געטאָ, ווי באַשעוויס שילדערט זי, איז דער ייִד געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין גאָט און מיט זיין ייִדישער סביבה. נאָך דער עמאַנציפּאַציע און וועלטלעכער בילדונג — וועלכע באַשעוויס שילדערט ווי אַ מתנה פון שטן — איז דער ייִד געבליבן ווי פאַרוואָרלאָזט אין אַ פרעמדער וועלט. אָן אַ גאָט אין האַרצן, פילט ער פוסטקייט אַרום זיך און אין זיך, און זוכט זי צו פאַרטרייבן מיט אַלע מינים פאַרגעניגנס. איז

נישט קיין ווּנדער, אַז מען גייט אַראָפּ פון דרך הישר. און באַשעוויס שטעלט עס פאַר ווי אַ שפּיצל פון שטן, פון יצר הרע, וואָס פאַר־דרייט די מעשים פון מענטשן.

אין די מאָדערנע שטעט הערשט אויסגעלאַסנקייט און האָ־פענונגלאָזיקייט. יידן פרייע פון טראַדיציע און רעליגיעזע פליכטן לעבן מיט דער חיי שעה, זוכן וואָס מער צו געניסן פון לעבן און פאַרזוכן אַלע פאַרגעניגנס, אָבער מיט אַ געפיל פון פוסטקייט אין האַרצן. הבל הבלים — אַלץ איז נאַריש, פוסטע זאַכן. דער פּסוק פון קהלת כאַראַקטעריזירט דעם פּעסימיסטישן טאָן, דעם שאַרפן סקעפּטיציזם, פון גרעסטן טייל באַשעוויסעס ווערק און פון אַלע זיינע וועלטלעכע יידישע העלדן, וואָס האָבן איבערגעריסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט און זעען פאַרויס אַ נעפּלהאַפטע צוקונפט. איז זייער קעגנוואַרט דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון דעפּרעסיע און אומזיכערקייט.

אַזאַ איז דער „כישוף־מאַכער פון לובלין", יאַשאַ מאַזור, וואָס באַוועגט זיך צווישן וואַרשע און לובלין, און געפינט אין ערגעץ נישט קיין היים. ער גייט פאַרביי אַ בית מדרש, קוקט אַריין אין דער אָפענער טיר, און ווי עוזר העשל פון „די פאַמיליע מושקאַט" און אַנדערע באַשעוויסעס העלדן, טראַכט ער: „אַהער וועל איך קומען ווען אַלץ וועט זיין געענדיקט". און ווען ער גייט אַריין אין געזעמל פון מענטשן אויף דער גאַס, באַהערשט אים ווידער אַ צווייפל און אומרו וועגן זיין לעבן וואָס האָט נישט קיין זין און קיין ציל.

דער וועלטלעכער ייד וואָס האָט זיך באַפרייט פון רעליגיע האָט באַטראַכט די השכלה, די בילדונג, ווי אַ נייע משיח־אידעע וואָס וועט באַפרייען די וועלט פון אַלע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אונטערשיידן, און אַריינגעבן דעם מענטשן אַ נייע נשמה, ווי עס ווערט פאַרויסגעזען אין דער נבואה.

די ווירקלעכקייט איז אָבער געווען אַ גאַנץ אַנדערע. דער ייד האָט זיך באַפרייט פון דער רעליגיע, אָבער די אַלע איבלען פון דער וועלט זענען געבליבן, און עס קומען צו אָן אויפהער נאָך נייע. די הפקרות, אויסגעלאַסנקייט, און ברייט לעבן, וואָס איז אַמאָל געווען די אויסשליסלעכע פּריווילעגיע פון די העכערע פּריצישע קלאַסן, איז על פּי די נייע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן געוואָרן צוטריטלעך פאַר

די ברייטע מאַסן, און אַ מאָראַלישע ירידה איז געוואָרן דער קענ־צייכן פון דער נייער פרייער וועלט. און ווי עס קריסטלט זיך אַזוי ייִדלט זיך, דער ייִד האָט זיך באַפרייט נישט נאָר פון די תרי״ג מצוות, נאָר אויך פון אַ סך מאָראַלישע געבאָטן.

באַשעוויס דערווייזט, אַז דאָס לעבן פון מענטשן איז אַ רעזול־טאַט נישט נאָר פון זיין ראַציאָנאַלן שכל און גוטן ווילן, נאָר אויך פון זיינע אינסטינקטיווע אימפּולסן. ער איז אַ רעאַליסט, און זיין רעכט איז צו זען אויך די מעשים פון שטן. ער ווייזט דעם פולן אמת פון דעם מאָדערנעם לעבן, און לייגט אַריין אין מויל פון עוזר העשלען די נביאישע ווערטער: „די וועלט גייט נישט צוריק, אָבער אויך נישט פאָרויס. און מיר ייִדן וועלן זיין די ערשטע קרבנות״... די צווייטע וועלט־מלחמה האָט עס באַשטעטיקט, און מיר שטייען ביים ראַנד פון אַ דריטער...

ביי אַ געלעגנהייט האָט באַשעוויס געזאָגט: פאַר מיר איז שבתי צבי אַ סימבאָל פון אַ מענטשן וואָס האָט געוואָלט טאָן גוטס, און ס׳איז אַרויסגעקומען שלעכטס. פאַר מיר איז אָט דער פאַלשער משיח אַ מין סטאַלין און די אַנדערע ווי ער, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן די וועלט בעסער מיט געוואַלד־מיטלען, און האָבן נאָר פאַרגרע־סערט די מענטשלעכע ליידן. מען קאָן אויך זיין אַ פאַלשער משיח אין נאָמען פון גאָט, מיר זענען עדות פון דעם אין ערשטן אַכציקסטן יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט.

באַשעוויסעס סקעפּטיציזם איז באַזונדערס געווענדט קעגן די פאַלשע נביאים פון אונדזער צייט, וואָס פּרעדיקן פרייהייט, ליבע־ראַליזם, פּראָגרעס, סעקס, און עס לאָזט זיך אויס מיט נאָך אַן ערגערער שקלאַפעריי — מיט אַ פאַרשקלאַפונג צו די אינסטינקטן. הפקר פּעטרושקע, אַלץ איז דערלויבט, אַראָפּ מיט אַלע פאַרבאָטן! און עס ענדיקט זיך מיט אַ מאָראַלישער אַנאַרכיע. אַז מען גלייבט נישט אין גאָט, קלייבט מען זיך אויס אָפּגעטער. נישטאָ קיין אומ־גלייביקע מענטשן, וואָס גלייבן אין גאָרנישט. אַז מען גלייבט נישט אין אַ גאָט פון ליבשאַפט און גערעכטיקייט, גלייבט מען אין טייוול, אין עגל הזהב און אין ענלעכע געצן.

„דער שטן פון גאָריי״ איז אַ משל, אַן אַלעגאָריע. דאָרט האָט געהערשט דער פאַלשער משיח, גדליה דער שוחט, וואָס האָט גע־

פּרעדיקט גרענעצלאָזע פרייהייט, אַזוי אויך די מאָדערנע וועלט אונטער דער הערשאַפט פון די פאַלשע משיחים, וואָס דינען דעם שטן.

דער קינסטלער, צוגלייך מיט דעם היינטיקן מאָדערנעם וועלט־לעבן ייִדן, איז פריי פון רעליגיעזן ראָמאַנטיזם, וואָס האָט באַ־פרוכטיקט אַ סך ליטעראַרישע ווערק, און ער איז אַנטוישט אין די גרויסע סאָציאַלע אידעאַלן וואָס האָבן געזאָלט ברענגען אַ גליקלעך לעבן פון אינדוסטריאַליזירטער שפע, פון יושר און פעלקער־פאַר־ברידערונג, און געקומען איז פונקט דאָס פאַרקערטע.

שטייט די וועלט ביים אָפּגרונט פון אַטאָמישער צעשטערונג, אָדער ביים אָנקום פון אַ נייעם משיח? דער אמתער קינסטלער וויל דערגיין צום מקור פון די צעשפּילטע תאוות אין מענטשן, פון זיינע טייוולאָנישע שפּיצלעך צו ווערן הערשן און באַהערשן מיט געוואַלד, צו פאַרכאַפּן וואָס מער פאַרמעגנס, צו געניסן וואָס מער פאַרגע־ניגנס, אָן דעם מינדסטן קאָנטראָל פון מאָראַלישן געוויסן, וואָס איז דער יסוד פון אַ פרידלעכן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן און פעלקער־פאַרברידערונג.

ייִדן האָבן געוואָלט אַראָפּברענגען משיחן, און געקומען איז אַ שבתי צבי, אַ פאַלשער משיח. דער אַרבעטער קלאַס האָט געלעכצט נאָך סאָציאַלער גאולה, און געקומען איז אַ סטאַלין, אַ הענקער, וואָס האָט אומגעבראַכט מיליאָנען מענטשן, האָט פאַרשקלאַפט צענדליקער פעלקער, און האָט איבערגעלאָזן יורשים וואָס גייען טריי אין זיינע וועגן און באַדראָען די וועלט מיט אַטאָמישן וואָפן.

נאָר היינט, ווי אין פינצטערן מיטלאַלטער, ווערט די וועלט געפּלאָגט פון די אַלטע און נייע קולטן, ווו עס הערשט דער טייוול און דער גאָלדענער קאַלב, וואָס דערפירן דעם מענטשן צו די גרעסטע פאַרברעכנס און אומווירדיקע משוגעתן. די באַנומענע מענטשן אין זייער צעפלאַמטן עקסטאַז, אין זייערער משיח שטרע־בונגען, ווערן פאַרשיכורט פון זייער אייגענער לוסט, ווו די גוטע כוונה ווערט פאַראומרייניקט מיט מעשים פון געוואַלד, מיט שווינדל און פאַרברעכן.

דאָס זענען די פּראָבלעמען וואָס שטייען ברומו של עולם, און וואָס קומען צום אויסדרוק אין די מעשים פון זיינע ליטעראַרישע

העלדן. די יידישע קריטיק באַשולדיקט באַשעוויסן אַז ער שאַפט מערסטנס נעגאַטיווע טיפּן. ס׳איז אמת, אָבער ער שטעלט פאַר די נעגאַטיווע טיפּן אין אַ נעגאַטיווער אַפּשטויסנדיקער שיין; אָדער ער לאָזט זיי זיך קלאַפּן על חטא, חרטה האָבן אויף זייערע מעשים און טאָן תשובה.

אַזאַ איז דער העלד פון באַשעוויסעס נאָוועלע „דער בעל־תשובה": אַ ישיבה־בחור פון דער אַלטער היים, וואָס האָט טריי געדינט דעם רבונו של עולם. אין דער נייער היים האָט ער אויסגעביטן דעם אַלטן יידישן גאָט אויפן נייעם אַמעריקאַנער עגל הזהב, וועלכן ער האָט אויך געדינט מיט אַ סך יידישער פּיקחות און חסידישער התלהבות. האָט ער זיך גיך „אַרויפגעאַרבעט" און האָט זיך אַרומגערינגלט מיט פריינד פון זיין גלייכן, וועלכע האָבן מיט שטאָלץ גערעדט וועגן זייערע ליבע־אַוואַנטורעס און וועגן זייערע הוליאַנקעס אויסער דער היים. האָט ער נאָכגעטאָן זייער ביישפּיל, האָט זיך גיך געפונען אַ פּאָר, מיט וואָס איז ער ערגער פון אַנדערע? די פרוי איז מיט דער צייט דערגאַנגען ווו ער פאַרברענגט זיינע פרייע שעהען, און האָט זיך אויך געפונען אַ געליבטן. ביים בעל־תשובה האָט זיך ענדלעך דערוועקט זיין יידיש געוויסן, און ער האָט דערפילט די פאַלשקייט און פוסטקייט פון זיין לעבן. האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ באָרד און פאות, האָט אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע און אַ טלית־קטן מיט לאַנגע ציצית. ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן און זאָל אַנדערע צו קיין נסיון נישט ברענגען. מענטשן זאָלן וויסן אַז ער איז „אַ זעלנער פון גאָטס חיל", ווי עס דריקט זיך אויס איינער פון זיינע ליטעראַרישע העלדן.

„ווען אַ מענטש פאַרדינט אַ סך געלט, זאָגט דער בעל־תשובה, און קיין אמונה האָט ער נישט, הייבט ער אָן צו זאָרגן נאָר וועגן איין זאַך: אַריינצוקריגן וואָס מער פאַרגעניגנס. אָפּט, אין מיטן דער גאַנצער האָוועניש, האָב איך מיך געפרעגט: וואָס האָב איך פון מיין געלט? אין וואָס באַשטייט מיין עולם הזה? אויף צו עסן דאַרף מען קיין גביר נישט זיין. די פאַרשווינען וואָס מיט זיי האָב איך פאַרבראַכט, מיינע שותפים און אַנדערע, האָבן געהאַלטן אין איין באַרימען זיך מיט זייערע נצחונות איבער ווייבער. אַז אָך־און־וויי צו אַזעלכע נצחונות!... אין די קרייזן ווו מיר זענען געקומען,

איז זנות געווען פאַררעכנט פאַר דער העכסטער דערגרייכונג. די ליטעראַטור איז פול מיט זנות, אין טעאַטער ווידער זנות, אין פילם, דאָס זעלבע...

„גאָט האָט אונדז אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער, געוואָלט מיר זאָלן נישט נאָכטאָן זייערע אומווירדיקייטן, אָבער מיר האָבן געטאָן דאָס זעלבע וואָס זיי. ער האָט געוואָרנט און מיר האָבן געזינדיקט. די מנוּוולים האָבן אונדז געשמיסן, געשטאָכן, געברענט, און מיר טוען נאָך זייערע מעשים...

„מיליאָנען דייטשן האָבן זיך מקריב געווען פאַרן געץ, היטלער, און נאָך אַזוי פיל מיליאָנען רוסן און ייִדן פאַרן געץ, סטאַלין, בין איך זיך מקריב פאַרן „געץ" וואָס האָט געגעבן די צען געבאָט און די גאַנצע תורה, וואָס פאַרלאַנגט נישט קיין קרבנות. אַלץ וואָס ער וויל איז, אַז מיר זאָלן נישט בויען אונדזער גליק אויף יענעמס אומגליק...

„נישט קוקנדיק אויף די אַלע שיינע רייד וועגן דעמאָקראַטיע, געזעץ, פרייהייט, האָט די גויִשע וועלט זיך געפירט, און פירט זיך נאָך ביז היינט, לויטן פּרינציפּ: „מאַכט איז רעכט". איצט, אַז ייִדן טוען נאָך די גויים, פירן זיי זיך לויט די זעלבע פּרינציפּן. יעדן טאָג ווערט אין ניו־יאָרק עמעצער דערהרגעט, און די פּאָליציי געפינט קיינמאָל נישט דעם שולדיקן. אויב מען האָט אים געפונען, האָבן אים די לאַיערס גלייך אַרויסגענומען אויף קויציע, און דאָס געריכט באַפרייט אים צוליבן מאַנגל אין באַווייזן. אויב עס האָט זיך געוויזן אַן עדות, האָט מען אים געמוזט האַלטן אין אַרעסט, די פאַרברעכער זאָלן אים נישט אומברענגען. ווי אין סדום. דער שול־דיקער גייט אַרויס פריי, און דער עדות אין תפיסה, און געטאָן האָט מען דאָס אין נאָמען פון ליבעראַליזם און די גאַנצע וועלטלעכע יוסטיץ באַשיצט דעם פאַרברעכער, און לאָזט אויף הפקר זיינע פאַקטישע און פּאָטענציעלע קרבנות. דער היינטיקער ייִד איז נישט בעסער פון דעם גוי. אונדזערע ייִדישע לאַיערס האָבן געלערנט די פאַרברעכער אויסמיידן דאָס געזעץ. איך אַליין בין געווען אַ טייל פון דער דאָזיקער סיסטעם" (דער בעל־תשובה).

אויך זשאַן־פּאָל סאַרטער האָט שאַרף פאַראורטיילט די „סיס־טעם". ער האָט אויס פּראָטעסט קעגן איר זיך אָפּגעזאָגט פון דער

נאָבעל־פּרעמיע, און האָט געזוכט אַ רעטונג אין טעמפּל פון סאָ־וועטישן געץ. אָבער דאָס בלוט פון זיין ווייטן „ייִדישן אָפּשטאַם״, ווי עס זאָגט עדות סילווינאַ בולריטש („לאַ נאַסיאָן״ 11.5.80, בוענאָס איירעס), האָט אים נישט געלאָזט רוען, און ער האָט פּראָ־טעסטירט קעגן דער רוסישער אינוואַזיע אויף אונגאַרן, אויף טשע־כאָסלאָוואַקיע און קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף די דיסידענטן. אין פאַרלויף פון זיין גאַנצן לעבן האָט ער געפירט אַ שטרענגן חשבון הנפש מיט זיין אייגענעם געוויסן, און ס'איז נישטאָ קיין לייזונג אין זיין פילאָסאָפיע און אויך נישט אין לעבן פון זיינע ליטעראַרישע העלדן.

באַשעוויס האָט געפונען אַ רעטונג אין תשובה. אין דעם איז פאַרבאָרגן זיין גאַנצע פילאָסאָפיע, אָבער ס'איז אַ ייִדישע פילאָסאָ־פיע! זיכער האָט באַשעוויס נישט געמיינט די אַטריבוטן פון קולט, דעם אויסערלעכן לבוש, די קאַפּאָטע, פּאות און יאַרמלקע. האָט ער דאָך געלאָזט זאָגן זיין עוזר־העשלען: „די וועלט גייט נישט צוריק״. געמיינט האָט ער די **פונדאַמענטאַלע עטישע און מאָראַלישע ווערטן,** וועלכע זענען פאַרקערפּערט אין דער תורה און נבואה און וועלכע די קאַפּאָטע און יאַרמלקע סימבאָליזירן.

דאָס איז דער תיקון פאַר דער „קראַנקייט פון אונדזער יאָר־הונדערט״ וועלכן דער „קינסטלער פון זינד און תשובה״ זעט אין דער אויפלעבונג פון די ייִדישע מאָראַלישע ווערטן.

# אינהאַלט:

קונסט און וויסנשאַפט אין ליכט פון גרשון סאַפּאָזשניקאָווס
אַנאַליז — חיים באַרילקאָ . . . . . . . . 5
דער שטן פון גאָריי . . . . . . . . . . 7
די משיח־אידעע . . . . . . . . . . . 13
די תורה פון דור שכולו חייב . . . . . . . 17
אַ וועלט וואָס זינקט אין טומאה . . . . . . . 21
די שבתי צבי־אילוזיע . . . . . . . . . 23
דער גלות־קאָמפּלעקס . . . . . . . . . 25
דינסט צום קולט פון שטן — אויס ליבע צו גאָט . . . . 27
דעמאָנאָלאָגיע אין דער יידישער ליטעראַטור . . . . . 31
באַשעוויס און עדגאַר עלאַן פּאָ . . . . . . . 35
קאָלעקטיווע טראַגיק . . . . . . . . . 39
די פאַמיליע מושקאַט . . . . . . . . . 43
קרומע שידוכים . . . . . . . . . . 47
מאָדיליאַני־טיפּן . . . . . . . . . . 51
באַשעוויס און ש"י עגנון . . . . . . . . 55
נישט דער שפּיגל איז קרום — דאָס לעבן איז נישט גלייך . 57
זינד און תשובה . . . . . . . . . . . 61
דער פאַרכישופטער קרייז פון שרייבער . . . . . . 65
„גימפּל תם" פון י. באַשעוויס און „באָנטשע שוויג"
פון י. ל. פּרץ . . . . . . . . . . . 71
באַשעוויסעס סטיל . . . . . . . . . . 83
יצחק באַשעוויס און פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי . . . . . 87
ווען די פאַנטאַזיע „פּראַוועט שבת" פאַר זיך . . . . 91
די יידישע ירושה . . . . . . . . . . . 93

| | |
|---|---|
| אַ דיאַלאָג | 97 |
| די כשרע און טריפהנע וועלט | 101 |
| באַשעוויסעס שליחות | 105 |
| יצחק באַשעוויס און יודזשין יאָנעסקאָ | 111 |
| די קראַנקייט פון יאָרהונדערט | 115 |